עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

הרה"ח ר' חיים בנימין ורטהיימר ז"ל

קונטרס י'

"המתפלל על חברו"

# תוכן השיחה


"נענה תחילה"

יֵשׁ מֵאַיִ"ן

די גרעסטע מינוטן אין לעבן..

איך בין א יַמִּים–שניידער!

"הִוא חָכְמַתְכֶם וּבִינַתְכֶם"

די נאנטקייט פון א איד מיטן אויבערשטן

ס'פעלט דיר נישט אמונה..

"עַם חָכָם וְנָבוֹן"

וואס האסטו זיך אפגעשטעלט דא?!

תפילה – דביקות באַיִ"ן



הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 0



© כל הזכויות שמורות



כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585 שלוחה 6491 >1

ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 2>10

גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765


זכות הקונטרס נתנדב
לזכות
**ישכר דוב בן מירל אסתר**
**אברהם שמעון בן מירל אסתר**
וכל משפחתם להצלחה בכל העניינים

ולע"נ
**הבתלה חיה שרה בת יבל"ט ר' נתן נטע**
היארצייט י"ד תמוז
ת.נ.צ.ב.ה.


*חדש!*

ישמח לב מבקשי ה'

**קו רוחא דחיי**

02.3.02.47.43

שמעו ותחי נפשכם!

# ~ למנצח עלי עשו"ר ~

בעמדנו בשערי הקונטרס העשירי נפצח בגיל ורון, בנבל עשו"ר נודה ונהלל י-ה, על זכייתנו להגיע עד הלום, ח"י יודוך כמונו היום. מכנף הארץ זמירות שמענו, זכינו ואתבדרו מילי אצל אנשי הצדיק, וכולם אומרים חכו ממתקים וכלו מחמדים, דא רוח צפונית דצדיק ח"י עלמין המנשבת בנימי השיעורי"ם, מאירה את חשכת הלילה בטללי תחייה ורוח חדשה, להחיו"ת ולהבעיר לב המקושרים.

הזורעים בדמעה ובכיה אחרי מיטתו של בעל השמועה בשלהי ימי האורים, בזריעה וחרישה והוצאת השיעורים, להקים שם להרבות זרעו בחיי"ם. ברינה יקצורו בעשרה שערי"ם, נאספו העדרים לשתות מאשר ישאבון הנערים, באר מים חיי"ם להשקות צמאי נחל מים הנובעים. וב"ה עלתה וגם עשתה פרי, כן ירבה וכה יוסיף לח"י, להרבות פעלים ומעשים כבירים.

*

ואחרונים חביבים, כאשר הקונטרסים האחרונים (וכן הקונטרס הנוכחי) עוסקים כולם בנושא ההתבודדות והשיחה בינינו לבין קונינו - עצת העצות של רביה"ק, המעלה העליונה וגדולה מן הכל אשר מקטן ועד גדול צריכים כולם לעסוק בה. עצה זו הייתה אחד הדברים החזקים והבולטים אצל בעל השמועה שדיבר ושינן ללא הרף: **"רעד צום אויבערשטן!"**

על כל דבר, בכל תחום בעבודת ה' וכלליות החיים, עצה זו הייתה ההתחלה והסוף כמשנת חיים. שיחותיו היו מקשה אחת של 'שיחה זו תפילה', כאשר פעמים רבות היה נותן בתוך השיעורים המחשה ודוגמא חיה איך להתבודד ולדבר עם השי"ת על הנושא המדובר ולעשות מהתורות תפילות. ומרגלא בפומא מאמר מוהרנ"ת לאנ"ש שגם השיחות שלו אם אין מכניסים אותם בהתבודדות ודיבורי תפילה להשי"ת, "טאמער איר באשמאלצט און באשמירט דאס נישט מיט תפילה - בין איך אייך נישט מקנא".

הכלל הראשון והעיקרי של ההתבודדות הוא היכולת לדבר עם השי"ת בכל מקום ובכל מצב כדבר איש אל רעהו, כבן המתחטא לפני אביו, בתמימות ופשיטות, "רעדן צום אויבערשטן!". כך היה אומר, כך היה חי: **ס'איז נישטא קיין גרעסער דערפון, רעדן צום אויבערשטן, רעדן, רעדן"** - -

*

ואנשי בשורה אנו כאשר קול שופר נרים בשער בת רבים, בפתיחת "**קול רוחא דחיי**" ובו שלוחות נפתחים בסידור שערים לשיעורים ונושאים, ואינו דומה קריאה לשמיעה. **[וכאן המקום להזכיר שכל מי שיש בידו הקלטות מהשיעורים שנאמרו במשך השנים יפנה למערכת להעתיקם למשמרת כדי שנוכל להוציאם לאור עולם למען יעמדו ימים רבים.]**

ובמזמור ותודה נמטייה אפריון ונעלה על נס את אנשי המעש בעלי הלב אשר זכו לקחת חלק ברצון ממון וטרחה בהוצאת עשרת הקונטרסים הראשונים, אשר שלנו שלהם היא ורק בזכותם הגענו עד הלום בביסוס פעולות המכון והוצאת השיעורים תמידין כסדרם.

**ואין מחזקין אלא למחוזקים להמשיך בהחזקת מפעלנו כדי שנוכל להמשיך הלאה במפעלות אשר נודעו בשערים להיטיב מהסגולה לקוראים הרבים, להפיץ מעיינות הזכים ממקור מים חיי"ם אשר אך זה כל תקוותנו לחיי"ם בזה ובבא.**

בהערכה והוקרה מרובה

**מערכת "רוחא דחיי"**

# המתפלל על חברו

## כוח התפילה לברוא חדשות יש מאי"ן

[שיחה שנמסרה בחבורת הבחורים – ג' ויצא תשפ"ב]

[**לפני השיעור:** ס'איז דא א משפחה וואס האבן קינדער וואס מוטשען זיך אביסל מיט שידוכים, און דער אויבערשטער האט זיי ב"ה געהאלפן און א קינד דארטן איז געווארן א חתן, אבער זיי האבן נאך קינדער וואס ווארטן אויף ישועות - האבן זיי געבעטן אויב מען קען ארייַנשיקן דא 'תיקון' (כיבוד) און מ'זאל זאגן 'מזמור לתודה' און בעטן אויף די אנדערע קינדער וואס ווארטן אויף א שידוך. איז ביים סוף פאר דער עולם גייט אוועק, וועל איך אפאר מינוט אריינברענגען די תיקון דא, און מ'וועט זאגן 'מזמור לתודה' און נאך עפעס א קאפיטל תהילים פאר די קומענדיגע קינדער וואס זיי ווארטן אויף א שידוך.

האב איך געטראכט אז "**המתפלל על חבירו וצריך לאותו דבר הוא נענה תחילה**", אז מ'האט אינזינען יענעם ווערט מען אליין געהאלפן. איך האב עס געקענט מאכן אין א אנדערע חבורה, ס'קומען דא אסאך חבורות - אבער איך האב געטראכט אז די פאסיגסטע חבורה צו עס לייגן איז דא ביי די בחורים, דא איז עס זיכער 'דבר בעתו'. ווייל ס'איז א הודאה אז דער אויבערשטער האט געהאלפן מיט א שידוך און בעטן אויף נאך שידוכים, איז "המתפלל על חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחילה", בעז"ה בקרוב ביי אלעמען..]

## "נענה תחילה"

מיר לערנען איצטער אין תורה כ"ב[א], דער רבי ברענגט דארטן[ב] אז ס'שטייט אין חז"ל "**המתפלל על חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחילה**". זאגט דער רבי[ג], אז ווייל באמת דער עיקר תפילה איז דביקות. ס'איז

---

**א.** "התורה הזמנית" חשוון - אדר תשפ"ב. וראה ברוחא דחיי קונטרס ו' (עמ' ו-טו) שהתבאר בהרחבה כמה יסודות בתורה כ"ב הנוגעים גם לענייננו.

**ב.** עיי"ש היטב בתורה כ"ב, ונסכם כאן בקצרה את הנוגע להבנת המשך הדברים:

א. "**נעשה ונשמע**". יש ב' בחינות בעבודת ה', 'נעשה' הוא בחי' תורה, בחי' נגלה. (היינו המדריגה הגלויה שהוא נמצא בו עכשיו והוא יכול 'לעשות' ולקיים אותה). ו'נשמע' הוא בחי' תפילה בחי' נסתר. (שהיא המדריגה שלמעלה ממנו שעדיין נסתרת ונעלמת ממנו).

ב. **לעשות מה'נשמע' - 'נעשה'**. היינו ש'הנסתר' שהוא המדרגה הגבוהה יותר ממדרגתו שהוא עומד בה עכשיו, יתגלה. וזה עושים ע"י נשמע שהוא בחי' תפילה בחי' דביקות, שזה בחי' התכללות ב'אין', בביטול ודביקות לאין סוף ב"ה (ע"י שכוסף ומשתוקק למדרגה שלמעלה ממנו וכו'). ועל ידי זה נעשה מה'נשמע' - 'נעשה', ונתגלה לו המדרגה הגבוהה יותר שהיה נסתר ממנו מקודם.

ג. וצריך לילך **מדרגא לדרגא**, לעשות את הנשמע נעשה, ואזי יש לו 'נשמע' חדש, ושוב עושה אותה נעשה, וחוזר חלילה. וכך עולים ממדרגה למדרגה וכו' לנעשה ונשמע גבוה יותר ויותר. עד שמגיע לבחי' תורת ה' ותפילת ה' ממש.

ד. **תורת ותפילת ה' ממש.** הכוונה שבכל מדריגה ה'נעשה' נקרא 'תורתו' של האדם והנשמע נקרא תורת ה', והעבודה היא לעשות מתורת ה' תורתו. אולם תורת ה' שמדריגות התחתונות הם רק ב'שם המושאל', שהנשמע והדרגה היותר גבוה נקראת תורת ה' לגבי התורה שהאדם כבר השיג. אולם כשעולים ממדרגה למדרגה עד שמגיעים לתכלית השלימות אזי נקרא תורת ותפילת ה' ממש, היינו כשמגיעים להתכללות וביטול בא"ס, ואזי ממשיכים רחמים מקודם הבריאה שהוא בחי' תפילת ה' (נשמע) ועושים ממנו תורת ה' (נעשה) שזה בחי' אחר הבריאה וכו'. וענין זה עמוק מאוד (ראה בפל"ח שמתחיל הביאור בזה ש"הדברים גבוהים ורמים מאוד ומופלא מאתנו לגמרי", עיי"ש ביאור הענין באות ט"ז).

**ג.** וזל"ש: **וְזֶה שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא קַמָּא צ"ב) הַמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים עַל חֲבֵרוֹ וְהוּא צָרִיךְ לְאוֹתוֹ דָּבָר הוּא נַעֲנֶה תְּחִלָּה, כִּי מַה שֶּׁצָּרִיךְ לְאוֹתוֹ דָּבָר וְאֵינוֹ מְבַקֵּשׁ עַל**

דאך דא מדריגות, "נעשה ונשמע". נעשה איז תורה, דער מענטש אליין, "תורתו". און נשמע איז תפילה, און תפילה איז דביקות; אז מ'ווערט נכלל אין דעם אויבערשטן. און ס'דא נאך מדריגות, העכער און העכער, ביז מ'קומט אן צו נכלל ווערן אין "**תפילת ה' ממש**[ד]".

איז זאגט דער רבי - אז וואס הייסט, וואס איז דאס תפילה, תפילה הייסט אז מ'איז נכלל אין דעם אויבערשטן, וואס דער אויבערשטער איז "**תחילה**". דער אויבערשטער איז פאַר די בריאה, דער אויבערשטער איז "**קודם הבריאה**[ה]" נאך פון פאר די בריאה ("אדון עולם אשר מלך **בטרם כל יציר נברא**").

---

**עַצְמוֹ הוּא מֵחֲמַת שֶׁהוּא בִּבְחִינַת אַיִן, וְהוּא בְּחִינַת 'תְּחִלָּה', הַיְנוּ קֹדֶם הַבְּרִיאָה - וּמֵחֲמַת שֶׁהוּא בִּבְחִינַת תְּחִלָּה עַל יְדֵי זֶה הוּא נַעֲנֶה תְּחִלָּה.** [לִכְאוֹרָה אֵין לְזֶה הָעִנְיָן חִבּוּר הֵיטֵב לְמַה שֶּׁלְּמַעְלָה אַךְ בֶּאֱמֶת מְבֹאָר זֶה הָעִנְיָן הֵיטֵב לַמְעַיֵּן קְצָת כִּי מְבֹאָר לְעֵיל וּלְקַמָּן שֶׁבְּחִינַת תְּפִלַּת ה' הוּא בְּחִינַת קֹדֶם הַבְּרִיאָה בְּחִינַת אֵין סוֹף שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת תְּחִלָּה, וּמֵחֲמַת שֶׁזֹּאת הַבְּחִינָה הִיא בְּחִינַת אַיִן עַל כֵּן אֵין מִי שֶׁיִּזְכֶּה לָזֶה כִּי אִם מִי שֶׁהוּא בִּבְחִינַת אַיִן דְּהַיְנוּ שֶׁהוּא עָנָו בֶּאֱמֶת וּמְבַטֵּל עַצְמוֹ לְגַמְרֵי בְּתַכְלִית הַבִּטּוּל כְּאִלּוּ אֵינוֹ בָּעוֹלָם עַד שֶׁנִּכְלָל בְּאֵין סוֹף שֶׁשָּׁם הוּא בְּחִינַת תְּפִלַּת ה' כַּנַּ"ל. [..] וְעַתָּה מְבֹאָר הֵיטֵב קֶשֶׁר עִנְיָן זֶה הַמִּתְפַּלֵּל עַל חֲבֵרוֹ וְהוּא צָרִיךְ וְכוּ לְהַתּוֹרָה הַזֹּאת כִּי זֶה שֶׁמִּתְפַּלֵּל עַל חֲבֵרוֹ אַף עַל פִּי שֶׁהוּא צָרִיךְ לְאוֹתוֹ דָּבָר זֶהוּ בְּחִינַת עֲנָוָה, בְּחִינַת אַיִן שֶׁמְּבַטֵּל עַצְמוֹ וְאֵינוֹ חוֹשֵׁשׁ עַל עַצְמוֹ כְּלוּם רַק מַרְגִּישׁ צַעַר יִשְׂרָאֵל חֲבֵרוֹ, וְעַל יְדֵי הַבִּטּוּל זֶה הוּא נִכְלָל בְּאַיִן שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּחִלָּה בְּחִינַת קֹדֶם הַבְּרִיאָה בְּחִינַת נִשְׁמָע בְּחִינַת תְּפִלַּת ה' כַּנַּ"ל וְעַל כֵּן הוּא נַעֲנֶה תְּחִלָּה כִּי הוּא בִּבְחִינַת תְּחִלָּה כַּנַּ"ל]

**ד.** ראה בליקו"ה שלוחין (ב, ב) וְהִנֵּה זֶה עִקַּר הַתַּכְלִית וְהַשְּׁלֵמוּת הָאַחֲרוֹן לִזְכּוֹת לָבוֹא לִבְחִינָה זוֹ הָעֶלְיוֹנָה לְהִכָּלֵל בְּאֵין סוֹף עַד שֶׁיִּהְיֶה הַתּוֹרָה וְהַתְּפִלָּה שֶׁלּוֹ בְּחִינַת תּוֹרַת ה' וּתְפִלַּת ה' כַּנַּ"ל אַשְׁרֵי מִי שֶׁזּוֹכֶה לָזֶה וכו' וְכָל מַה שֶּׁמְּקַיֵּם יוֹתֵר אֶת הַתּוֹרָה וְעוֹבֵד אֶת ה', הוּא יוֹצֵא בְּכָל פַּעַם מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא וּמְבַטֵּל בְּכָל פַּעַם אֶת הַגּוּף יוֹתֵר וְנִכְלָל יוֹתֵר בְּשָׁרְשׁוֹ בְּאֵין סוֹף, עַד שֶׁזּוֹכֶה לָבוֹא אֶל הַתַּכְלִית שֶׁיִּתְבַּטֵּל הַגּוּף לְגַמְרֵי וְנִכְלָל לְגַמְרֵי בְּאֵין סוֹף וַאֲזַי זוֹכֶה לִבְחִינַת תּוֹרַת ה' וּתְפִלַּת ה' מַמָּשׁ כַּנַּ"ל וַאֲזַי כְּשֶׁנִּכְלָל בְּשָׁרְשׁוֹ בְּאֵין סוֹף נִמְצָא כָּל הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת וְהַתְּפִלָּה שֶׁמְּקַיֵּם הֵם תּוֹרַת ה' וּתְפִלַּת ה' מַמָּשׁ. (וראה עוד בליקו"ה ביצים ה, יט)

**ה.** ענין זה של 'קודם הבריאה' ו'אחר הבריאה' והתכללות אחר הבריאה בקודם הבריאה, מובא כמ"פ בספרי רבינו ומוזכר רבות בליקוטי הלכות. ועיקר הדברים הוא **בתורה נ"א ובהלכות שלוחין הלכה ג'**, עיי"ש כי הדברים עמוקים. ובקצרה ממש, קודם הבריאה היה אור הקדוש ברוך הוא אין סוף וכו' ואח"כ נברא העולם ונאצלו הנאצלים וכו'. ועבודת האדם לכלול אחר הבריאה בקודם הבריאה ע"י האמונה בהשגחה וכו'. כִּי כָּל הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹת הוּא רַק לִכְלֹל אַחַר הַבְּרִיאָה

די גאנצע בריאה איז נאָך דעם אויבערשטן, ס'איז "**אחר הבריאה**". איז אז מ'איז מתפלל, און תפילה איז דאך דער ענין פון נכלל ווערן אין דעם אויבערשטן. איז ווען מ'איז נכלל אין דעם אויבערשטן, הייסט אז מ'איז נכלל אין 'תחילה'. דער אויבערשטער איז 'תחילה', און אז מ'איז מתפלל איז מען נכלל אין דעם אויבערשטן וואס דער אויבערשטער איז 'תחילה פון די בריאה', קומט אויס אז מען ווערט אליין 'תחילה אין די בריאה'.

במילא, דער עיקר תפלה איז אז מ'איז "מתפלל על חבירו והוא צריך לאותו דבר", איז "הוא נענה **תחילה**"! פארוואס, ווייל ווי אזוי פועל'ט תפילה, תפילה פועל'ט אז מ'איז נכלל אין דעם אויבערשטן און מ'ווערט 'תחילה'. דאס הייסט, אז דער גאנצער ענין פון תפילה איז צו נכלל ווערן אין דעם אויבערשטן.

ווייל ווי אזוי פועל'ט מען? - ווייל אז מ'איז נכלל אין דעם אויבערשטן, און דער רבונו של עולם ער איז דער באשעפער פון די וועלט, ער איז תחילה פון די וועלט, די גאנצע וועלט איז נאכן אויבערשטן. ממילא אז מ'ווערט נכלל אין דעם אויבערשטן, איז אזוי ווי דער אויבערשטער באשאפט א וועלט, אזוי האט מען אויך א כח צו באשאפן א וועלט[י] (א נייע מציאות). דער

---

בְּקֹדֶם הַבְּרִיאָה שֶׁיִּהְיֶה כֻּלּוֹ אֶחָד שֶׁזֶּה זוֹכִין רַק עַל יְדֵי יְדִיעַת הַהַשְׁגָּחָה (שלוחין ג, ח). ויש גם בחי' של התכללות אחר הבריאה בקודם הבריאה, ע"י שחוזרים לנקודת ההתחלה וממשיכים הארה מקודם הבריאה וכו' וזה המדובר כאן בתורה כ"ב. וראה בליקו"ת תפילה נ"ב: וְאֶזְכֶּה לְבַטֵּל כָּל מִינֵי גֵּאוּת וְגַבְהוּת וְגַסּוּת הָרוּחַ מִמֶּנִּי, **עַד שֶׁאֶזְכֶּה לָבֹא לְתַכְלִית הַבִּטּוּל בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב, עַד שֶׁאֶזְכֶּה לְהִכָּלֵל בְּאַחְדּוּתְךָ בֶּאֱמֶת. וְעַל־יְדֵי־זֶה יִהְיֶה נִכְלָל כָּל הָעוֹלָם עִם נַפְשִׁי בְּאַחְדּוּתְךָ הַפָּשׁוּט, וְיִתְאַחֵד וְיִכְלַל אַחַר הַבְּרִיאָה בְּקֹדֶם הַבְּרִיאָה**, אֶפְשָׁרִי הַמְּצִיאוּת בְּחִיּוּב הַמְּצִיאוּת. וְנִהְיֶה דְבוּקִים וַאֲחוּדִים וּכְלוּלִים בְּךָ תָּמִיד בֶּאֱמֶת.

**י.** ראה זוהר (הקדמה דף ה.) וְלֵאמֹר לְצִיּוֹן עַמִּי אָתָּה וכו' אַל תִּקְרֵי עַמִּי אָתָּה אֶלָּא עִמִּי אַתָּה, לְמֶהֱוֵי שׁוּתָּפָא עִמִּי, **מָה אֲנָא בְּמִלּוּלָא דִילִי עֲבָדִית שָׁמַיִם וָאָרֶץ וכו' אוּף הָכִי אַתְּ**. והביא רבנו דברי הזוהר אלו בליקו"מ תורה ע"ה וכתב: כִּי בְּוַדַּאי הוּא בּוֹרֵא שָׁמַיִם וָאָרֶץ בְּדִבּוּרֵי תּוֹרָה וּתְפִלָּה וכו' עיי"ש.

'כח התפילה' איז אז מ'ווערט נכלל אין דעם אויבערשטן וואס ער באשאפט די וועלט.

יעדער תפילה וואס א מענטש דארף א ישועה, למעשה דארף באשאפן ווערן א נייע בריאה. א איד דארף עפעס א ישועה; ער דארף פרנסה, ווערט באשאפן פרנסה פאר אים. א איד דארף א שידוך, ווערט באשאפן. "**מֵאַיִ"ן יָבֹא עֶזְרִי** [ז]"; מ'ווייסט נישט פון וואנעט, ס'ווערט באשאפן, ס'ווערט עפעס א נייע מציאות. ביי יעדער זאך וואס מ'איז מתפלל, יעדער נקודה וואס מ'וויל אויסבעטן, בפרט אין אידישקייט, איז מען זייער ווייט פון דעם.

לדוגמא, א איד וויל א ישועה אין אידישקייט, ער איז [יעצט] נישט דארטן - ער וויל זוכה זיין צו באקומען א הרגש אין קדושה, א כח פון התמדה, א מח, און נאך אזעלכע זאכן - און ס'איז נישטא אזא זאך, ס'דארף באשאפן ווערן. ער איז יעצט; אזוי ווי ער שטייט איצטער, ס'איז נישטא פאר אים אזא זאך. ס'דארף באשאפן ווערן א זאך פאר אים. אבער אז ער ווערט נכלל אין אויבערשטן (מיט די תפילה) ווערט פשוט א בריאה; ס'ווערט א 'בריאה חדשה'.

דער רבש"ע איז א "בּוֹרֵא" - ער איז פאַר די בריאה, פאר די בריאה! אז מ'האט נישט די זאך (די ישועה) איז מען אין א מציאות פון פאר די בריאה, אז די זאך איז נישטא איז מען פאר די בריאה. אבער אז מ'ווערט נכלל אין דעם

---

**ז.** תהילים קכא, א. וראה בתיקו"ז דף קכ"ז ע"א: [וראה ליקו"ה גבית חוב מהיתומים ג, כד: וְזֶה "אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי, עֶזְרִי מֵעִם ה' עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ". שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁהָאָדָם בַּדְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה, חַס וְשָׁלוֹם, וּמֻנָּח בְּמָקוֹם שֶׁמֻּנָּח וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ בְּשׁוּם אֹפֶן לָשׁוּב אֶל ה' יִתְבָּרַךְ וכו'. כְּמוֹ שֶׁשָּׁכִיחַ זֶה הַדָּבָר מְאֹד בְּרֹב בְּנֵי הַנְּעוּרִים שֶׁעִקַּר מַה שֶּׁאוֹבְדִין שְׁנֵי הָעוֹלָמוֹת הוּא מֵחֲמַת חֲלִישׁוּת דַּעְתָּם וְיֵאוּשָׁם מֵחֲמַת שֶׁרוֹאִין רִחוּקָם וּנְפִילָתָם הָעֲצוּמָה וכו'. אֲבָל מִי שֶׁזּוֹכֶה לִשָּׂא עֵינָיו לַמָּרוֹם בְּכָל מָקוֹם שֶׁהוּא וּלְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ כַּנַּ"ל שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת "**אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי" שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ בֶּאֱמֶת אֵיךְ אֶפְשָׁר שֶׁיָּבוֹא לוֹ עֵזֶר וִישׁוּעָה** וכו' אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן כְּשֶׁמְּקַיֵּם הָעֵצָה הַנַּ"ל וְשׁוֹאֵל וְדוֹרֵשׁ וּמְבַקֵּשׁ וּמְחַפֵּשׂ וְנוֹשֵׂא עַיִן לַמָּרוֹם בְּחִינַת אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי כַּנַּ"ל, אֲזַי תֵּכֶף עֶזְרִי מֵעִם ה' עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ, כִּי בְּוַדַּאי יָבוֹא לוֹ יְשׁוּעָה עַל יְדֵי זֶה וכו'.]

אויבערשטן און דער אויבערשטער מאכט "יֵשׁ מֵאַיִן[ח]", במילא ווערט טאקע 'יש מֵאַיִן'. יעדער מאל תפילה, איז אז מ'ווערט נכלל אין דעם אויבערשטן וואס דער אויבערשטער מאכט 'יש מֵאַיִן', און אזוי ווערט באשאפן זאכן (ישועות א.ד.ג)!

## יֵשׁ מֵאַיִ"ן

ס'הייסט אז ווייל דער רבש"ע איז אַיִן, מיר האבן נישט קיין השגה וואס -- [עס מיינט], אבער אזוי האט מען אונז געגעבן צו לערנען - אז וואס איז גדולת ה', "**במקום גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו**[ט]", דער רבש"ע ווערט אנגערופן "אַיִן". מיר זענען 'יש' - ישות. מיר זענען א מציאות גשמית. אבער דער אויבערשטער איז אַיִן, נישטא קיין שום מציאות גשמית. דער רבש"ע איז אַיִן[י] ("אין סוף").

**ח.** ראה ליקו"ה תפילין ה, ל: הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּרָא הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ **יֵשׁ מֵאַיִן הַמֻּחְלָט אַחַר הֶעְדֵּר הַגָּמוּר**
וּכְמוֹ שֶׁהוּא יִתְבָּרַךְ חִדֵּשׁ אֶת הָעוֹלָם יֵשׁ מֵאַיִן הַמֻּחְלָט, כְּמוֹ כֵן הוּא מְחַדֵּשׁ גַּם עַתָּה בְּטוּבוֹ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית וכו'. (וראה גם בהל' ברכת הריח ה, ט.)

**ט.** מגילה דף ל"א. ולהבנת המשך הדברים נביא בקיצור את הנוגע להבנת העניין מליקו"מ תורה ד: א] רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁיִּתְגַּלֶּה מַלְכוּתוֹ בָּעוֹלָם וְעַל יְדֵי זֶה בָּרָא אֶת הָעוֹלָם **מֵאַיִן לְיֵשׁ**. ב] וְכָל הָרְצוֹנוֹת, הַיְנוּ הַתְּמוּנוֹת [הַיְנוּ הַתְּמוּנוֹת הַנִּמְשָׁכִין מֵרְצוֹן אֵין סוֹף שֶׁאֵין בּוֹ תְּמוּנָה] וְכָל הַיֵּשׁוּת, הַיְנוּ בְּחִינַת מַלְכוּת וכו' - מְקַבְּלִים חִיּוּתָם מֵרְצוֹן אֵין סוֹף. ג] "**בְּכָל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא**" - הַיְנוּ מַלְכוּתוֹ, הַיְנוּ רְצוֹנוֹת - "**שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְתָנוּתוֹ**", הַיְנוּ רְצוֹן אֵין סוֹף. ד] וְזֶה בְּחִינַת הִתְפַּשְּׁטוּת הַגַּשְׁמִיּוּת, כִּי כְּשֶׁרוֹצֶה לְהִכָּלֵל בִּרְצוֹן אֵין סוֹף צָרִיךְ לְבַטֵּל אֶת הַיֵּשׁוּת שֶׁלּוֹ. ה] וְהַתַּלְמִיד חָכָם הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה שֶׁמְּשִׂים עַצְמוֹ כְּשִׁירַיִם כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "**וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד**" וְעַל יְדֵי זֶה נִקְרָא אִישׁ חָכָם כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "וְהַחָכְמָה **מֵאַיִ"ן** תִּמָּצֵא". וכתב בביאור הליקוטים: **משה הוא בחינת אין**. מעוצם כלליותו באין סוף גם בחייו, לבטל יישותו, ולהיות לאין כנ"ל. (וראה עוד שם שההתכלות באין הוא בחי' רצוא ושוב, וזה בחי' הסתלקות משה שזה ביטול לגמרי בא"ס בחי' רעווא דרעווין וכו').

**י.** "**אין סוף**" הוא בחינה רוחנית גבוהה כ"כ, שאי אפשר לכנותה בשם, אלא רק בדרך שלילה של 'אַיִן'. וכדי להתכלל בבחינה זו, צריך להיות בביטול ישותו וגשמיותו לגמרי, עד שהוא עצמו ג"כ

וואס הייסט 'אַיִן'? - אַיִן הייסט "**עניוות**"[יא]. דער רבש"ע'ס גרויסקייט איז זיין עניוות. מיר האבן נישט קיין השגה אין אויבערשטן, אבער ווען מיר רעדן פון דעם אויבערשטן [האט מען אונז געגעבן רשות צו זאגן:] דער רבש"ע דאס איז זיין עניוות; ער איז נישטא (אַיִן) - און דאס איז זיין גרויסקייט.

שטייט אז עניוות איז די גרעסטע מידה פון אלע מידות, "**ענווה גדולה מכולם**[יב]". א מענטש איז זוכה צו עניוות ווערט ער נכלל אין אַיִן, ער איז אינגאנצן בטל און נכלל אין אויבערשטן. משה רבינו איז דער גרעסטער מענטש, "**וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם**[יג]" - די מידה פון עניוות איז די גרעסטע מידה מיט וואס מען איז זיך מדבק אין אויבערשטן.

---

בבחינת 'אַיִן'. (עוטה אור ליקו"מ תורה ד' הערה 137)

**יא.** ראה שם (בתורה כ"ב) בהוספת מוהרנ"ת בסוגריים: וּמֵחֲמַת שֶׁזֹּאת הַבְּחִינָה (בְּחִינַת קֹדֶם הַבְּרִיאָה בְּחִינַת אֵין סוֹף שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת תְּחִלָּה) הִיא בְּחִינַת אַיִן, עַל כֵּן אֵין מִי שֶׁיִּזְכֶּה לָזֶה כִּי אִם מִי שֶׁהוּא בִּבְחִינַת **אַיִן** דְּהַיְנוּ שֶׁהוּא **עָנָו** בֶּאֱמֶת וּמְבַטֵּל עַצְמוֹ לְגַמְרֵי בְּתַכְלִית הַבִּטּוּל כְּאִלּוּ אֵינוֹ בָּעוֹלָם עַד שֶׁנִּכְלָל בְּאֵין סוֹף שֶׁשָּׁם הוּא בְּחִינַת תְּפִלַּת ה' כַּנַּ"ל. וראה בקיצור ליקו"מ (תורה ד): עַל־יְדֵי **עֲנָוָה** זוֹכִין לְהִתְפַּשְּׁטוּת הַגַּשְׁמִיּוּת וְנִכְלָלִין בְּהָ**אֵין סוֹף**.

**יב.** עבודה זרה כ: [וגדולה מכולם, הכוונה שמידת הענווה היא הגדולה מכל המדרגות המוזכרות בברייתא של רבי פינחס בן יאיר של זריזות מביאה לידי פרישות וכו'.] וראה בליקו"ה ערלה ה, ד: כָּל אֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁמְּבַטֵּל עַצְמוֹ וּמַרְגִּישׁ שִׁפְלוּתוֹ בֶּאֱמֶת, כְּמוֹ כֵן הוּא זוֹכֶה לְהִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי שֶׁכְּבָר זָכָה לְתַכְלִית הָעֲנָוָה בְּכָל הַבְּחִינוֹת וכו' **שֶׁזֶּה עִקַּר מַעֲלַת וּגְדֻלַּת הַצַּדִּיק הָאֲמִתִּי, כִּי "עֲנָוָה גְּדוֹלָה מִכֻּלָּם"**, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל. וְכֵן כָּל מַה שֶּׁמִּתְקָרֵב יוֹתֵר לְהַצַּדִּיק וְנִכְלָל בּוֹ, כְּמוֹ כֵן הוּא זוֹכֶה יוֹתֵר לִבְחִינַת עֲנָוָה בֶּאֱמֶת שֶׁזֶּה כָּל תִּקּוּנוֹ וכו' וראה בתורה ז' תנינא: עוֹד יֵשׁ בָּזֶה דְּבָרִים נֶעְלָמִים הַרְבֵּה, וְלֹא בֵּאַר רַק קְצָת, קְצָת רָאשֵׁי פְּרָקִים כִּי מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָיָה עָנָו, וַעֲנָוָה גְּדוֹלָה מִכֻּלָּם, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רזַ"ל. וכתב שם בפל"ח (אות ל"ד): בזה מבואר יותר ענין רמז הסמיכה שסמך להר"ר נתן ז"ל וכו', ומרומז בפסוק הנ"ל בהצירופים שבסופי תורה **כי כבר ידוע מעלת הענוה הקדושה שהיה להר"ר נתן ז"ל כידוע לכל יודעיו ומכיריו, וכאשר רבינו ז"ל בעצמו הפליג בשבחו** (ראה חיי"מ של"ח) **בענין המדה זו של ענוה ו"ענוה גדולה מכולם" כנ"ל**, על כן היה ראוי ביותר לקבל הלימוד הזה של כלליות בן ותלמיד וכו' כי מדת הענוה שהוא בחינת מה אינו תופס מקום וכו'. (ובענין הענווה ראה עוד בליקו"מ תורה ע' קמא ותורה ע"ב תנינא ובהל' תפילין ו, ח)

**יג.** במדבר יב, יג.

דער רבש"ע איז אזוי גרויס, "במקום גדולתו שם אתה מוצא ענוותנותו" - ביי דער רבש"ע גייט, ער לאזט זיך אראפ און פארעט זיך מיט אזעלכע מענטשן ווי אונז, דאס איז עניוות. אזא "מלך גדול רם ונשא" לאזט זיך אראפ צו אזעלכע מענטשן ווי אונז, טראכט פון אונז און האט אינזינען - דאס איז א גרויסע עניוות[יד].

איז ווען איינער איז מתפלל, ווערט ער נכלל אין דעם אויבערשטן, אז ער איז אויך זוכה צו עניוות. ווייל וואס איז דער "**כח התפילה**", פארוואס תפילה פועל'ט, ווייל בשעת וואס מ'איז מתפלל, ווערט מען נכלל אין דעם אויבערשטן. און אז מ'ווערט נכלל אין דעם אויבערשטן, איז מען נכלל אין **עניוות** (ווערט מען נכלל אין די בחינה פון אַיִן).

און דערפאר זאגט דער רבי "המתפלל על חבירו והוא צריך לאותו דבר" - א מענטש טראכט פון זיין חבר'ס צרכים, איז ער מער נכלל אין דעם אויבערשטן. אז ער איז מער נכלל אין דעם אויבערשטן, איז ער מער א עניו; ער טראכט פון דעם צווייטן, אנשטאט צו טראכטן פון זיך טראכט ער פון א **חבר** (וואס דאס איז אויך א בחינה פון <u>אַיִן</u>). **במילא פועל'ט ער ישועות, פועל'ט ער ישועות!**

---

**יד.** ראה בליקו"ה משא ומתן ד, ג: כִּי אַדְּרַבָּה, זֶהוּ עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ וְרוֹמְמוּתוֹ, "כִּי בִּמְקוֹם גְּדֻלָּתוֹ שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְתָנוּתוֹ", כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב כִּי כֹה אָמַר רָם וְנִשָּׂא שֹׁכֵן עַד וְקָדוֹשׁ שְׁמוֹ מָרוֹם וְקָדוֹשׁ אֶשְׁכּוֹן וְאֶת דַּכָּא וּשְׁפַל רוּחַ וְכוּ'. כִּי אִם הָיָה גַּדְלוּת ה' יִתְבָּרַךְ רַק כְּפִי הֲבָנַת דַּעַת הָאָדָם. אִם כֵּן חַס וְשָׁלוֹם, הָיָה קֵץ לְגַדְלוּתוֹ, כִּי דַּעַת הָאָדָם-בָּשָׂר וָדָם יֵשׁ לוֹ קֵץ וּגְבוּל, אֲבָל בֶּאֱמֶת דַּעְתּוֹ מְרוֹמָם מִדַּעְתֵּנוּ וכו' וְעַל-כֵּן בֶּאֱמֶת **אַדְּרַבָּא, זֶהוּ גְּדֻלָּתוֹ וְרוֹמְמוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא מְרוֹמָם וְנִשְׂגָּב לְמַעְלָה מִתְּפִיסַת דַּעַת הָאָדָם, עַד שֶׁלְּרֹב גְּדֻלָּתוֹ וְרוֹמְמוּתוֹ הוּא מַשְׁגִּיחַ בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית עַל כָּל דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם**. ובעל"ת מכתב רי"ג: וּמַה מְּאֹד הוֹמֶה עָלַי לִבִּי וכו' וְאַחֲרֵי כָּל אֵלֶּה תִּכְתֹּב לִי דִּבְרֵי שְׁטוּת הַנִּמְשָׁכִין מֵעֲנָוָה פְּסוּלָה וכו' הֲלֹא בְּוַדַּאי זֶה אֱמֶת שֶׁאֵין שׁוּם אָדָם רָאוּי לָגֶשֶׁת אֶל הַקֹּדֶשׁ לַעֲבֹד אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ אֵל גָּדוֹל וְנוֹרָא רָם וְנִשָּׂא וְכוּ', מִכָּל שֶׁכֵּן מְלֵאִים חֵטְא וְעָוֹן כָּמוֹנוּ הַיּוֹם בְּדוֹרוֹת אֵלּוּ, **אַךְ כְּבָר הִקְדִּימוּ לְהוֹדִיעַ לָנוּ צַדִּיקֵי אֱמֶת, וּבִפְרָט אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זַ"ל, שֶׁזֶּה עִקַּר גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ, שֶׁהָרָחוֹק וּמְגֻשָּׁם בְּיוֹתֵר יַעֲבֹד אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי זֶה כָּל תַּעֲנוּגָיו וְשַׁעֲשׁוּעָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בִּמְקוֹם גְּדֻלָּתוֹ יִתְבָּרַךְ שָׁם אָנוּ מוֹצְאִין עַנְוְתָנוּתוֹ**.

ער קען, ער האט א כח הבריאה, ער האט א כח פון זיין א 'תחילה' צו די בריאה, ער קען אנהייבן די בריאה. ער איז פון פאַר די בריאה און ער מאכט א [נייע] בריאה - אזא כח האט א מענטש מיטן כח התפילה!

## די גרעסטע מינוטן אין לעבן..

חז"ל זאגן[טו] אז תפילה איז "**ברומו של עולם**" - די העכסטע זאך וואס איז דא אויף דער וועלט איז תפילה, און "**בני אדם מזלזלין**". דער רבי זאגט[טז] וואס איז טייטש 'בני אדם מזלזלין', "**שהם חפצים לפטור התפילה מעליהם**", מענטשןווארטן צו ענדיגן דאווענען. די גרעסטע זאך וואס איז דא אויף דער וועלט, און מענטשן ווארטן עס צו ענדיגן.

א מענטש האט נישט קיין געדולד. 'יאלא וואס האב איך.. לאמיר גיין לערנען, לאמיר גיין מאכן עפעס, לאמיר גיין טאן עפעס..' - ס'איז א זאך וואס עס זעט אויס ביי מענטשן אזוי נישט למעשה'דיג. נישטא נאך אזא זאך וואס איז [אזוי גרויס] ווי תפילה, און ס'קוקט אויס ביי מענטשן עפעס א זאך וואס מ'דארף ענדיגן מיט דעם. 'עה; וואס וועט זיין פון תפילה, דאווענען, דאווענען, וואס וועט ווערן פון דעם' ?

און דער אמת איז א ס'איז פונקט פארקערט, א איד רעדט צום אויבערשטן, ער רעדט צום אויבערשטן! - ס'דא א גרעסערע זאך ווי דעם?!

---

**טו.** ברכות ו ע"ב: "כְּרֻם זֻלֻּת לִבְנֵי אָדָם" - אלו דברים שעומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בהן. וכתב רש"י: דברים שעומדים ברומו של עולם, כגון תפלה שעולה למעלה.

**טז.** ליקו"מ תנינא תורה א: כִּי הַתְּפִלָּה הִיא גְבוֹהָה מְאֹד וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהּ, וּכְשֶׁעוֹמְדִים לְהִתְפַּלֵּל חֲפֵצִים לִפְטֹר הַתְּפִלָּה מֵעֲלֵיהֶם, כְּמַאֲמַר רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ו:): "כְּרֻם זֻלֻּת לִבְנֵי אָדָם" אֵלּוּ דְּבָרִים הָעוֹמְדִין בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם, וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם וְכוּ. ובתורה צ"ג קמא: כִּי תְּפִלָּה הִיא גַּם כֵּן לְמַעְלָה מֵהַזְּמַן, כִּי הוּא דָּבָר הָעוֹמֵד בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם (בְּרָכוֹת ו:).

א מענטש רעדט צום אויבערשטן, דער אויבערשטער זאגט אים "**הַרְחֶב פִּיךָ וַאֲמַלְאֵהוּ**[יז]", בעט, ער איז "**שומע תפילת כל פה**[יח]", דער רבש"ע הערט אויס יעדן ווארט וואס דו רעדסט. יעדער ווארט וואס דו רעדסט צום אויבערשטן טוט אויף מורא'דיגע זאכן! - איז דא א גרעסערע זאך ווי תפילה?!

ווען א מענטש וועט באמת גלייבן אין תפילה, [אפילו] אזוי ווי די תפילה איז.. - נישטא קיין גרעסערע זאך! וואלט ער יעדע רגע אריינגעכאפט צו רעדן צום אויבערשטן. יעדע רגע, יעדע רגע אריינגעכאפט צו רעדן צום אויבערשטן.

נישטא קיין גרעסערע זאך פון דעם, נישטא קיין גרעסערע זאך ווי תפילה! רעדן צום אויבערשטן, רעדן צום אויבערשטן!

שטעלט זיך פאר אז מ'זאגט איינעם וואס ארבעט שווער אויף פרנסה, זאגט מען אים: איצטער אין די צייט וואס דו ארבעסט אויף פרנסה? ס'איז דא איינער עפעס א גביר, גיי אריין צו אים, וואס דו בעטסט אים גיבט ער דיר!

---

**יז.** תהילים פא, יא. ועיין בליקו"מ תורה ל"ד. וראה בליקו"ת תפילה ל: אַךְ בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים לִמַּדְתָּנוּ עַל־יְדֵי צַדִּיקֶיךָ הָאֲמִתִּיִּים, וְהוֹדַעְתָּ לָנוּ דְּרָכֶיךָ הַטּוֹבִים, אֲשֶׁר אַתָּה חָפֵץ חֶסֶד וּמַרְבֶּה לְהֵיטִיב. [..] וְאַתָּה רוֹצֶה שֶׁנָּעִיז פָּנֵינוּ נֶגְדְּךָ לְבַקֵּשׁ מִמְּךָ גְּדוֹלוֹת וְנוֹרָאוֹת, וְשֶׁנַּעְתִּיר וְנַפְצִיר אוֹתְךָ הַרְבֵּה מְאֹד יָמִים וְשָׁנִים, עַד שֶׁנִּזְכֶּה לְנַצֵּחַ אוֹתְךָ כִּבְיָכוֹל, לִפְעֹל בַּקָּשָׁתֵנוּ בְּרַחֲמִים אֶצְלְךָ כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב **אָנֹכִי יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ הַמַּעַלְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם הַרְחֶב פִּיךָ וַאֲמַלְאֵהוּ**. וראה בשיש"ק הישן ד,נט: הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹנֶה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד וְאוֹמֵר לוֹ: אֲבִיאֲךָ לְתַכְלִית הַמַּעֲלוֹת, אוּלָם אֲבַקֵּשׁ מִמְּךָ "שְׁאַל מִמֶּנִּי" וְהַפְצֵר בִּתְפִלָּה הַרְבֵּה, בִּבְחִינַת "הַרְחֶב פִּיךָ וַאֲמַלְאֵהוּ".

**יח.** ראה בליקו"ה נחלות ד, ג: כְּמוֹ שֶׁצָּרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ אֱמוּנָה שְׁלֵמָה בַּה' יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא בּוֹרֵא הַכֹּל וּמַנְהִיג מוֹשֵׁל וּמַשְׁגִּיחַ וּבְיָדוֹ לְשַׁנּוֹת אֶת הַטֶּבַע כִּרְצוֹנוֹ וּלְהַשְׁפִּיעַ כָּל טוּב, **כְּמוֹ כֵן צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ אֱמוּנָה בְּעַצְמוֹ לְהַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁה' יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ וּמַאֲזִין וּמַקְשִׁיב כָּל דִּבּוּר וְדִבּוּר שֶׁל כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל אֲפִלּוּ מֵהַגָּרוּעַ שֶׁבַּגְּרוּעִים, כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה**, וְיֵשׁ כֹּחַ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל לִפְעֹל בַּקָּשָׁתוֹ בְּרַחֲמִים אֶצְלוֹ יִתְבָּרַךְ אִם יִתְפַּלֵּל בֶּאֱמֶת אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו וְכוּ'.

באקומסט דארט (ביי די ארבעט), איך וועל דיר זאגן פופציג שקל א שעה, אפילו מער.. - אבער ס'דא עפעס א גביר, אז דו גייסט אריין צו אים גיבט ער דיר מיליאנען.. און דער נאַר זאגט: **איך האב נישט קיין צייט צו גיין צו אים, איך האלט אינמיטן ארבעטן..** - נאַר וואס דו ביסט, אויב דו גייסט צו אים דארפסטו דאך נישט ארבעטן בכלל; און דו שטייסט און ארבעטסט..

מ'זאגט א מענטשן, קענסט רעדן צום אויבערשטן, קענסט רעדן צום אויבערשטן! - נישטא קיין גרעסערע זאך אויף דער וועלט ווי רעדן צום אויבערשטן. און דער מענטש זאגט: **איך האב נישט קיין צייט צו דעם, איך דארף אויפטאהן אנדערע זאכן..** - איז ער א גרויסער נאַר!

בפרט ווי דער רבי האט אונז געגעבן די וועג: קענסט רעדן, וואס דו רעדסט צום אויבערשטן, גלייך; דארפסט נישט קענען קיין נוסח, מ'דארף גארנישט, מ'זאגט 'רבש"ע העלף מיר!' אפילו דו הייבסט נאר אויף די אויגן צום אויבערשטן; רבש"ע!! - ביסטו שוין ביים אויבערשטן. ביסטו שוין; טוסטו שוין די גרעסטע זאך!

א מענטש וועט ליגן אין קבר, וועט מען אים מאכן א 'סך הכל'. וועט מען אים ווייזן אז די אלע מינוטן וואס ער האט מתפלל געווען איז געווען די גרעסטע מינוטן אין זיין לעבן. ער וועט זאגן: א שאד איך האב נישט געקליבן מער אזעלכע מינוטן..

די מינוטן וואס איך האב גערעדט צום אויבערשטן זענען די גרעסטע מינוטן פון מיין לעבן, גרעסער ווי אלעס. יעדער נקודה פון תפילה איז געווען גרעסער ווי אלעס! - איך האב געקענט אסאך אסאך מער זיך קלייבן פון די סחורה..

לנצח נצחים גייסטו לעבן, און לויט וויפל דו האסט מתפלל געווען, וויפל מאָל דו האסט גערעדט צום אויבערשטן, אזוי גייט זיין דיין נצחיות. דיין גאנצע נצחיות גייט זיין לויט וויפל דו האסט גערעדט צום אויבערשטן[יט]!

---

**יט.** ראה ליקו"מ תורה ב' תנינא.

און אזוי אויך דער לערנען, וואס מ׳לערנט, וואס מ׳איז מקיים מצוות, איז דאס אלץ הכנות צו תפילה.

און איינער וואס ער לערנט נישט, שטייט ״**מֵסִיר אָזְנוֹ מִשְּׁמֹעַ תּוֹרָה גַּם תְּפִלָּתוֹ תּוֹעֵבָה**[כ]״. דער אויבערשטער וויל זאלסט לערנען, איינער וואס ער לערנט נישט איז זיין תפילה רח״ל, ס׳איז א תועבה. פארוואס לערנט מען, מ׳לערנט כדי צו מקשט זיין די תפילה, די תפילה זאל האבן א פנים ביים אויבערשטן[כא].

קומט אויס אז די גאנצע תורה איז א הכנה אויף תפילה. וואס איז די תורה, די תורה איז צו צוברענגען צו תפילה. די תורה איז אונטער די תפילה. ווייל אויב מ׳לערנט נישט, איז דער דאווענען האט נישט קיין פנים. אבער נאכדעם וואס מ׳לערנט, איז דער עיקר דער דאווענען.

און אויך די זעלבע זאך פארדעם, א מענטש אז ער קען נישט לערנען, איז ווייטער דער דאווענען; בעטן און דאווענען אויף דעם. דער רבי האט געזאגט[כב]: מ׳דארף ״**דאווענען, לערנען, און דאווענען**״. אויף צו לערנען; אויף צו קענען לערנען - דארף מען אויך דאווענען. און אזוי ווייטער; נאכדעם וואס מ׳לערנט, וואס טוט מען מיטן לערנען - האט מען כח צו דאווענען.

קומט אויס, אז די תפילה, סיי אז דאס איז די גרעסטע זאך (העכער פון תורה); ״**ברומו של עולם**״. און סיי אז ס׳איז א פתח צו די תורה - טאקע אָן תורה קען מען נישט אנקומען צו תפילה, אבער צו תורה אליין איז אויך שווער צו אנקומען אָן תפילה. איז תפילה סיי דער ׳פתח׳ און סיי דער ׳סוף׳. סיי די

---

**כ.** משלי כח, ט. וראה בליקו״מ תורה ח׳.

**כא.** ראה רוחא דחיי מאמר כבוד התורה (קונטרסים ו, ז) שם נתבאר בהרחבה ענין זה, וכלליות ענין דעת רביה״ק בענין היחס בין התורה והתפילה וכו׳ עפ״י דברי מוהרנ״ת בליקו״ה ראש חודש ה׳ וכו׳.

**כב.** שיש״ק ח״ג שצ״ו.

תפילה ברענגט אים צום לערנען, און סיי די תפילה איז העכער פון דעם לערנען, אז דער לערנען ברענגט אים צו קענען רעדן צום אויבערשטן. -

**די גרעסטע זאך אויף דער וועלט איז תפילה!!**

## איך בין א יַמִים-שניידער!

מ'פרעגט א מענטש: וואס איז דיין פאַך (אומנות)? - מ'זאגט א מענטשן: קלייב זיך אויס א פאך; וואספארא פאך גייסטו זיך אויסקלייבן?! יא, לאמיר רעדן ביי א גאסן-מענטשן, וואספארא פאך גייט ער זיך אויסקלייבן, די בעסטע און די שענסטע פאך וואס ער קען, קלייבט זיך אויס א מענטש.

איינער קלייבט זיך אויס צו זיין - ווי דער רבי זאגט אין די "מעשה חכם ותם", איינער וויל זיין א גאלדשמיד (צורף), איינער קלייבט זיך אויס צו זיין א שטיין-שניידער (יהלומן), איינער קלייבט זיך אויס צו זיין א דאקטער, איינער קלייבט זיך אויס א אנדער זאך. יעדער איינער זוכט א גוטע פאך, די בעסטע פאך וואס ער קען באווייזן דאס זוכט ער.

און אויך ברוחניות זוכט א מענטש צו זיין; איינער זוכט צו זיין א תלמיד חכם, איינער זוכט צו זיין א ראש ישיבה, איינער זוכט צו זיין א רב. דער וויל זיין א כ'וויס וואס; א גבאי צדקה, דער וויל זיין א מלמד, דער וויל עוסק זיין אין פדיון שבויים.

יעדער איינער זוכט זיך עפעס זאכן וואס דאס וואלט ער געוואלט זיין, אויף דעם ארבעט ער צו זיך אויסלערנען די פאך. און נאכדעם אז מ'פרעגט אים וואס טוסטו אין דיין לעבן, וואס איז דיין פאַך? – ענטפערט ער 'איך בין אזא פאכמאן'; איך בין א שוסטער, איך בין א סטאלער, איך בין א בתים-מאכער, איך בין א רב, איך בין אהער, יעדער איינער מיט זיין פאך.

אבער, זאגט אונז דער רבי: וואס איז די גרעסטע פאך וואס איז דא אין לעבן? - **די גרעסטער פאך וואס ס'איז דא אין לעבן איז תפילה!** אוואו שטייט עס? - אין חז"ל שטייט עס, אז "**תפסו אומנות אבותם**[כג]".

די אידן זענען געווען ביים ים סוף, און ס'געווען, דא שטייט דער ים, פון אונטן שטייען די מצרים, און וואס טוט מען דא, ווי גייט מען ווייטער? - "תפסו אומנות אבותם"; מיר האבן א אלטע פאך! זיי האבן זיך דערמאנט אז זיי האבן א אלטע פאך פון אונזערע עלטערן, **א משפחה פאך**, מיר האבן עפעס א פאך, **תפילה!**

האבן זיי אנגעהויבן שרייען צום אויבערשטן.. - נו, האט זיך געעפנט דער ים טאקע. איר קענט אזא סארט פאך וואס מ'שניידט יַמִּים, ס'דא אויך אזא פאך; מ'קען עפענען ימים. וואס איז דיין פאך? - "**א יַמִּים-שניידער**"! איך שנייד ימ'ען, איך בין בוקע רקיעים, איך שנייד זאכן.. דאס איז אונזער פאך, די גרעסטע פאך!

א ברסלב'ער חסיד האט באקומען א פאַך אין די הענט; א אומנות. מיר האבן באקומען אזא אומנות וואס עס רופט זיך "**אומנות אבותינו**[כד]", די שפראך פון תפילה; רעדן צום אויבערשטן!

---

**כג.** ראה רש"י שמות יד, י ומקורו בדברי חז"ל. ראה מדרש תנחומא (בשלח ט): וַיִּשְׂאוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל וְגוֹ' וַיִּירְאוּ מְאֹד וַיִּצְעֲקוּ. **תָּפְשׂוּ אֻמָּנוּת אֲבוֹתֵיהֶם**. בְּאַבְרָהָם כְּתִיב: וַיִּקְרָא שָׁם אַבְרָהָם בְּשֵׁם ה' (בראשית יג, ד). בְּיִצְחָק כְּתִיב: וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה (בראשית כד, סג). בְּיַעֲקֹב כְּתִיב: וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם (בראשית כח, יא). אֵין פְּגִיעָה אֶלָּא תְּפִלָּה וכו'. אַל תִּירְאִי תּוֹלַעַת יַעֲקֹב (ישעיה מא, יד). לָמָּה נִמְשְׁלוּ יִשְׂרָאֵל לְתוֹלַעַת? לוֹמַר לְךָ: **מַה תּוֹלַעַת הַזֹּה אֵינָהּ מַכָּה אֶת הָאֲרָזִים אֶלָּא בְּפִיהָ, וְהִיא רַכָּה וּמַכָּה אֶת הַקָּשֶׁה, כָּךְ אֵין לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא תְּפִלָּה.** שֶׁהָאֻמּוֹת נִמְשְׁלוּ כָּאֲרָזִים, שֶׁנֶּאֱמַר: הִנֵּה אַשּׁוּר אֶרֶז בַּלְּבָנוֹן וְאוֹמֵר: וַיְשַׁבֵּר ה' אֶת אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן - וּכְשֶׁהֵן מִתְגַּבְּרִים עֲלֵיהֶם, חוֹזְרִים בִּתְשׁוּבָה וְצוֹעֲקִים וּמִתְפַּלְּלִין. [וראה עוד בליקו"ה שילוח הקן ד' ד-ה. ובר"ח ו, יז. וגביית חוב מהיתומים ג,ח.]

**כד.** ראה ליקו"ה הל' שליח לגבות חובו ג,יג וז"ל: וְעַל כֵּן תָּפַס מָרְדְּכַי בְּחִינַת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁבְּכָל דּוֹר **אֻמָּנוּת אֲבוֹתֵינוּ** לִצְעֹק אֶל ה' הַרְבֵּה זְעָקָה גְּדוֹלָה וּמָרָה וּלְהַרְבּוֹת בִּתְפִלּוֹת וּבְתַחֲנוּנִים.

## "הִוא חָכְמַתְכֶם וּבִינַתְכֶם"

שטייט אין חומש אין פרשת ואתחנן[כה] - שטייט דארטן, אז וואס איז דער שבח פון כלל ישראל: **"רְאֵה לִמַּדְתִּי אֶתְכֶם חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים.. וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם כִּי הִוא חָכְמַתְכֶם וּבִינַתְכֶם לְעֵינֵי הָעַמִּים אֲשֶׁר יִשְׁמְעוּן אֵת כָּל הַחֻקִּים הָאֵלֶּה וְאָמְרוּ רַק עַם חָכָם וְנָבוֹן הַגּוֹי הַגָּדוֹל הַזֶּה. כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו"**.

דער רבש"ע זאגט, איך געב אייך חוקים ומשפטים און איר זאלט עס אפהיטן, "**ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם**", די חוקים ומשפטים פון די תורה דאס איז די גרעסטע חכמה פאר אייך.

דאס איז די גרעסטע חכמה ובינה פאר אייך 'לעיני העמים', אלע גוים זאלן זען אז איר זענט די קלוגסטע פאלק. "**אשר ישמעון את כל החוקים האלה ואמרו רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה**", אלע גויים וועלן זעהן אז איר האט די חוקים ומשפטים זענט איר די קלוגסטע פאלק.

און וואס איז די קלוגשאפט? – איז דער פסוק ממשיך: "**כי מי גוי גדול אשר לו אלוקים קרובים אליו כה' אלוקינו בכל קראנו אליו**", וואו נאך איז דא אזא קלוגע פאלק וואס זיי האבן א גאט אזוי נאנט צו זיך וואס מען קען רעדן צו אים א גאנצע צייט, "**בכל קראנו אליו**", אזוי נאנט אז מען קען רעדן צו אים א גאנצע צייט[כו].

---

ובשילוח הקן ד, ה: אֲבָל דֶּרֶךְ יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ שֶׁהֵם תּוֹפְסִין **אֻמָּנוּת אֲבוֹתֵיהֶם** בִּידֵיהֶם וּבְכָל פַּעַם הֵם צוֹעֲקִים אֶל ה' וְעַל יְדֵי זֶה הֵם מַכְנִיעִין בְּכָל פַּעַם פַּרְעֹה וְחֵילוֹתָיו שֶׁהֵם הַסִּטְרָא אָחֳרָא וכו'.

**כה.** דברים ד, ה-ז.

**כו.** ראה ליקו"ה שילוח הקן ה, יט: כִּי הָאָדָם צָרִיךְ לֵידַע עֹצֶם הִתְרַחֲקוּתוֹ מֵה' יִתְבָּרַךְ וְאַף-עַל-פִּי-כֵן יֵדַע וְיַאֲמִין שֶׁמִּצַּד רַחֲמָיו יִתְבָּרַךְ הוּא קָרוֹב מְאֹד לְכָל אֶחָד וְאֶחָד אֲפִלּוּ הָרְחוֹקִים מְאֹד מְאֹד מֵחֲמַת מַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים. וְהָעִקָּר עַל-יְדֵי הַדִּבּוּר כִּי עַל-יְדֵי הַדִּבּוּר אָנוּ יְכוֹלִים לִקְרוֹת אוֹתוֹ מֵרָחוֹק מְאֹד וְהוּא מִתְקָרֵב אֵלֵינוּ עַל-יְדֵי-זֶה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו לְכָל

איז וואס איז די גרעסטע חכמה? - די גרעסטע 'חכמה לעיני העמים' איז אז מען קען רעדן צום אויבערשטן[כז]! און אלע 'חוקים ומשפטים' וואס דער אויבערשטער האט אונז געגעבן איז ווייל דורך די חוקים ומשפטים, דורך דעם קען מען רעדן צום אויבערשטן. דורך דעם וואס מען לערנט די תורה און מען איז מקיים די תורה, דורך דעם קען מען רעדן צום אויבערשטן.

## די נאנטקייט פון א איד מיטן אויבערשטן

קומט דער רבי און זאגט [נישט נאר דער רבי זאגט עס, אבער דער רבי האט שטארק ארויסגעשטעלט די זאך] - אז נישט נאר אז מען איז מקיים די תורה און מען לערנט תורה, ווערט אנגענומען די תפילות[כח]. נאר נאכמער, אז ס'איז שווער צו מקיים זיין די תורה און מצוות און מען בעט אויף דעם, איז די תפילה וואס מען בעט [נאך פארן מקיים זיין די אידישקייט] – איז דאס [שוין] די גרעסטע זאך!

קומט אויס, אז די בעסטע עצה אויף צו מקיים זיין די אידישקייט איז ווייטער תפילה און סיי אז דורך אידישקייט קומט מען אן צו תפילה וואס דאס איז די גרעסטע זאך. אבער נישט נאר יעמאלט קומט מען אן צו תפילה, נאר שוין פון יעצט אָן; מען הויבט אן מתפלל זיין אויף אידישקייט, מען איז מתפלל מען זאל זוכה זיין צו אידישקייט - ווערט שוין אנגענומען די אלע תפילות.

---

אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת. וּכְתִיב, וּמִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרוֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו.

**כז.** ראה ליקו"ה שלוחין ג, ח: "כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו". **שֶׁיִּשְׂרָאֵל נִקְרָאִים גּוֹי גָּדוֹל עַל יְדֵי שֶׁמַּאֲמִינִים בְּהַשְׁגָּחָתוֹ יִתְבָּרַךְ וְקוֹרְאִים וּמִתְפַּלְּלִים תָּמִיד לַה' יִתְבָּרַךְ.** [..] כִּי הַתְּפִלָּה הוּא בְּחִינַת אֱמוּנַת הַהַשְׁגָּחָה שֶׁמֵּחֲמַת זֶה מִתְפַּלֵּל וְקוֹרֵא לַה' יִתְבָּרַךְ, מֵחֲמַת שֶׁיּוֹדֵעַ וּמַאֲמִין שֶׁהַכֹּל בְּהַשְׁגָּחָתוֹ יִתְבָּרַךְ וכו'.

**כח.** ראה ליקו"מ תורה א.

קען ליגן איינער ח"ו אין שאול תחתיות, דער יצר הרע איז זיך מתגבר אויף אים יומם ולילה און ער שרייט צום אויבערשטן: רבוש"ע נעם מיר ארויס פון שאול תחתית, איך וויל מקיים זיין די תורה! און דער אויבערשטער הערט אים שוין אויס פון שאול תחתית.

**"כי מי גדול אשר לו אלוקים קרובים אליו כה' אלוקינו בכל קראנו אליו"** - אז דער אויבערשטער איז נאנט צו אונז אפילו אין שאול תחתית!

דער רבי האט געזאגט[כט]: דער עיקר איז "**מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי**"! - דער עיקר התפילה איז א איד זאל קענען רעדן צום אויבערשטן "מבטן שאול", איך שריי צו אים "מבטן שאול שועתי"! איך געפין זיך [טיף] אין שאול תחתיות און איך קען רעדן צום אויבערשטן - "**מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי שָׁמַעְתָּ קוֹלִי**".

דער עיקר איז "מבטן שאול שועתי"; אז נישט אז נאר אוואו איך בין א גרויסער 'מחותן' קען איך רעדן צום אויבערשטן, איך קען רעדן צום אויבערשטן אויך פון שאול תחתית!

אויב איך קען רעדן צום אויבערשטן נאר פון א געוויסע הויכקייט, בין איך נישט נאנט צום אויבערשטן. אבער אויב איך קען רעדן צום אויבערשטן פון שאול תחתית, אז דער שאול תחתית זאל מיר נישט אפהאלטן פון רעדן צום אויבערשטן - בין איך נאנט צום אויבערשטן.

ווען איך טרעף זיך עפעס אז איך האב נישט כח צו רעדן צום אויבערשטן, פארוואס האב איך יעצט נישט כח צו רעדן צום אויבערשטן? - ווייל איך בין ווייט פון אויבערשטן! דאס הייסט, אז דו האלטסט אז דו ביסט ערגעץ אין שאול תחתית [אדער אויפן וועג צום שאול תחתית..] - איז אויב דו האלטסט אז דאס האלט דיר אפ פון תפילה, האסטו נאכנישט אנגערירט וואס תפילה איז!

ווייל דער עיקר איז "מבטן שאול שועתי", דאס איז דער עיקר תפילה, דער אויבערשטער האט שעשועים אז מען רעדט צו אים ווען מ'געפינט זיך,

---

**כט.** שיחות הר"ן ש"ב.

אפילו אין שאול תחתית. נישט אז מען רעדט צו אים נאר ווען מען איז נאנט, פארקערט, דער אויבערשטער האט ליב ווען א מענטש רעדט צו אים פון זיין ווייטקייט.

א מענטש פילט אז ער איז קאלט, זאגט ער: וואס האב איך מיטן אויבערשטן, איך בין קאלט.. - **דער אויבערשטער האט ליב אז מען רעדט צו אים ווען מען איז קאלט**, דער אויבערשטער האט עס ליב!

דאס איז די נאנטקייט פון א איד מיטן אויבערשטן, אז קיין שום חושך קען נישט מחשיך זיין צווישן אים מיטן אויבערשטן, קיין שום מחיצה קען נישט שטיין אינצווישן[ל] - -

## ס'פעלט דיר נישט אמונה..

[**שואל:** אבער טאמער מען רעדט צום אויבערשטן ווען מען איז קאלט, שפירט מען נישט אז מען ווערט נאנט צום אויבערשטן..]

פונקט אזוי, זאגסט דאך גוט. **דאס איז דער נקודה, אז אפילו מען שפירט נישט אז מען איז נאנט צום אויבערשטן איז מען נאנט צו אים!** דאס הייסט נאנטקייט; אז נישט נאר ווען מען שפירט איז מען נאנט צום אויבערשטן, נאר אויך ווען מען שפירט ממש ההיפך, איז מען אויך נאנט צום אויבערשטן. דאס הייסט א נאנטקייט!

---

**ל.** ראה ליקו"מ תורה קי"ב: וְאָמַר לִי אָז שֶׁעַל יְדֵי עֵצָה זֹאת (של דיבור אמת, עיי"ש כל התורה) יְכוֹלִין לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת כָּל יְמֵי חַיָּיו **כִּי תָּמִיד אֵיךְ שֶׁהוּא יְכוֹלִין לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ וּלְהַחֲזִיק אֶת עַצְמוֹ עַל יְדֵי זֶה עַל יְדֵי הָאֱמֶת שֶׁהוּא אוֹר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ אֲשֶׁר "גַּם כָּל חֹשֶׁךְ לֹא יַחֲשִׁיךְ מִמֶּנּוּ"** (תהלים קל"ט). כִּי אֵין שׁוּם טֻמְאָה וְסִטְרָא אָחֳרָא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא יִהְיֶה שָׁם פְּתָחִים לָצֵאת מִשָּׁם רַק שֶׁאֵין רוֹאִין אוֹתָן מֵחֲמַת גֹּדֶל הַחֲשֵׁכוֹת שֶׁיֵּשׁ שָׁם אֲבָל עַל יְדֵי הָאֱמֶת, מֵאִיר לוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ וְיִזְכֶּה לִרְאוֹת וְלִמְצֹא פֶּתַח תִּקְוָה גַּם בְּעֹמֶק נְפִילָתוֹ לָצֵאת מֵאֲפֵלָה לְאוֹרָה וּלְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בֶּאֱמֶת תָּמִיד. (וראה עוד בליקו"ה גניבה ה, י).

[**שואל:** מיט אמונה..]

דאס איז דער מציאות! מיט אמונה האט מען א שייכות צו דעם. דער מציאות איז נישט תלוי אין די אמונה; די מציאות איז א מציאות! האסט אמונה, ניצטו אויס דיין מציאות. האסט נישט קיין אמונה מאכסטו זיך נאריש, ביסטו א בטלן..

וואס הייסט ער האט נישט אמונה? – איינער זאגט 'אז ער האט נישט קיין 'אמונה'', מיינט ער צו זאגן אז ער האט נישט קיין 'שכל'. 'ער האט נישט **אמונה**' איז צו א שיינער טיטל פאר אים, אז ער האט נישט קיין אמונה.. - זאג בעסער 'ער האט נישט קיין **שכל**'.

וואס זאגסטו אז דו האסט נישט קיין אמונה? - האסט נישט קיין שכל! מען זאגט דיר: דער אויבערשטער איז מיט דיר אין שאול תחתית. זאגט ער: ער האט נישט קיין אמונה.

אמונה האסטו נישט? שכל האסטו נישט! - מען זאגט דיר: אונטער דיר ליגט מיליון דאלער. זאגט ער: איך האב נישט קיין אמונה..

נעבאך, א ברסלב'ער חסיד; דער רבי זאגט אים: קענסט רעדן טאג און נאכט צום אויבערשטן! זאגט ער: איך האב נישט קיין אמונה! - קיין אמונה האסטו נישט?! ער איז גרייט צו פארן אין אומן מיט די גרעסטע הוצאות, און ער איז גרייט צו זיך איינשטעלן מען זאל אים ארויסווארפן פון ישיבה און נאך אזעלכע זאכן - און ער האט נישט קיין אמונה(?)..

אמונה האסטו נישט? - **אמונה האסטו**, שכל האסטו נישט! ער האט נישט קיין פראבלעמען אין אמונה. א מענטש וואס איז גרייט צו זיך אנשטרענגען פאר אידישקייט, און זיך פרייען מיט די אידישקייט איז ער נישט גרייט, האט ער פראבלעמען אין שכל – ער איז א שוטה!

מילא איינער זאגט, ער האלט זיך נישט ביים אנשטרענגען פאר אידישקייט, נו, זאגט ער 'לא מדובשך ולא מעוקצך'.. [רח"ל]. אבער דא רעדט מען פון א איד וואס זאגט ער וויל, ער רייסט זיך פאר אידישקייט; יעדן זאך

אין אידישקייט. עס טוט אים וויי אז ער איז ווייט פון אידישקייט, יעדע נקודה..

איז אויף צו זיין פארווייטיגט אויף אידישקייט ביסטו א מחותן, **און אויף צו זיין פרייליך מיט אידישקייט ביסטו נישט קיין מחותן?!** דאס איז א פראבלעם פון אמונה? - א פראבלעם פון שכל; ער איז נישט קיין נארמאלער מענטש. ער איז א שותף נאר אויף די צרות אויף די שמחות נישט, ער איז נישט קיין נארמאלער מענטש..

מען האט געפרעגט דעם רעבין [לא] פארוואס רעדט ער מיט די אפיקורסים אין אומן, האט ער געענטפערט: זיי האבן כאטשיג שכל, אבער די חסידים זיי האבן דאך נישט קיין שכל, זיי האבן פשוט נישט קיין שכל. חסידישע אידן, רייסן זיך פארן אויבערשטן - נו איז אויב אזווי זיי זיך מחזק , ניין ער האט נערוון.. - האט ער נישט קיין שכל.

א אפיקורס כאטשיג האט געמאכט א חשבון, ער איז אנגעקומען מיט א קרומע קאפ, בסדר וועט מען רעדן מיט אים מען וועט אים אויסגלייכן די קאפ, מען וועט אים ווייזן. ס'וועט קומען צו אים א צדיק וואס קען אויף אפיקורסים און וועט אים אויסגלייכן די קאפ, ווערט ער מקורב צום אויבערשטן.

אבער רעדסט מיט א חסיד א שוטה - רעדסט און רעדסט און דו ענדיגסט נישט רעדן מיט אים. רעדסט מיט אים איין זאך האט ער דיר א נייע נערוו,

---

**לא.** ראה שיש"ק ח"א תרכ"ב. וראה בטעם זקנים (תצווה תשל"ו): דער רבי האט א זאג געגעבן, ס'איז א ווארט פון רבי'ן "**אויסגעקנעטן מיט אפיקורסות -די מיט די ברייטע ארבעל**"! פארוואס? **וויבאלד מען האט נישט די זאך פון רעדן צום אויבערשטן דיבורים, ווערט מען נישט אנגעקניפט אין די אמונה!!** וויאזוי בין איך מקושר צום אויבערשטן אז איך זאל נישט זיין אין קיין 'טבע'?! אז איך רעד צום אויבערשטן! רעד איך אלס אויס צום אויבערשטן - ווער איך נכלל אין דער 'השגחה'!! דאס איז אמונה! דאס הייסט אמונה!!!...

נאך א נערוו מיט נאך א נערוו.. נישטא וואס צו רעדן מיט אים, ער האט נישט קיין אמונה, ער **האלט** אז ער האט נישט קיין אמונה. ער האט נישט קיין אמונה? - ער איז פול מיט אמונה און ער האלט אז ער האט נישט קיין אמונה..

אמונה איז דיין פראבלעם?! - האסט נישט קיין שכל, ביזסט א שלימזל. א בחור מיט פיאות, מיט א קאפילוטש, א גרויסן קאפילוטש, מיט די גאנצע שמונה בגדים. ער שטייט אויף און גייט אין שוהל און גייט אין מקוה און קומט אין ישיבה, און ער געבט זיך אכטונג; פון אסאך שלעכטע זאכן געבט ער זיך אכטונג. מען זאגט אים: רעד צום אויבערשטן, דער אויבערשטער הערט דיר אויס! - זאגט ער: ער האט נישט קיין אמונה!

איז פארוואס האסטו פאות, פארוואס ביסטו געוועזן אין מקווה, פארוואס האסטו געדאווענט היינט; האסט אנגעטאן א פושקאלע אויפן קאפ און האסט געשעפשעט מיט די ליפן אפאר טויזנט ווערטער (- פון **לחוועגען**).. - צו וואס האסטו עס געמאכט?!

האסט נישט קיין אמונה? אמונה האסטו נישט?! - שכל האסטו נישט; נישט אמונה.

**"כי היא חכמתכם ובינתכם לעיני העמים, כי מי גוי גדול ונורא אשר לו אלוקים קרובים אליו"**. דאס הייסט א חכם; אז ער ווייסט אז דער אויבערשטער שטייט נעבן אים. און אז נישט, איז ער א טיפש. ער שטייט און ער ארבעט א גאנצן טאג פארן אויבערשטן און ער ווייסט נישט אז דער אויבערשטער שטייט לעבן אים, איז ער א טיפש..

## "עַם חָכָם וְנָבוֹן"

[**שואל:** די שכל קומט אויך נאר דורך אמונה, אז ער האט נישט קיין אמונה קומט ער נישט צו די שכל..]

**אבער ער האט דאך אמונה!** - זעסט דאך [ביי אלעס וואס ער מאכט] א גאנצן טאג האט ער אמונה, פארוואס דא האט זיך אפגעשטעלט די אמונה? - ווייל

אוואו מען דארף ניצן שכל, ווערט ער פארתמ'ט. שכל האט ער נעבאך נישט; ער האט נעבאך נישט קיין שכל, ער איז א פארתמ'טער מענטש.

עס איז דא אזא זאך 'א פארתמ'טער מענטש', זעסט דאך אז יעדן טאג בעט מען "**אתה חונן לאדם דעת**"; וואס הייסט 'אתה חונן דעת', [נאר] פארשטיין די קצות? – אתה חונן לאדם דעת איז פאַר רפואה [לב]! 'אתה חונן לאדם דעת', 'חננו'; האב רחמנות, טאטע גיב מיר א מתנת חינם. אביסל שכל האב איך נישט, אביסל שכל גיב מיר! איך האב נישט קיין שכל, געב מיר שכל - האב רחמנות אויף מיר, געב מיר שכל!

זעסט דאך אז כלל ישראל ווערט אנגערופן א 'עם חכם ונבון' מער ווי אלע פעלקער, "היא חכמתכם ובינתכם לעיני כל העמים", אלע פעלקער האבן נישט שכל [לג]. א גוי אז ער קושט א געטשקע האט ער שכל? - אמונה האט ער, ימ'ען פון אמונה, אבער אין א געטשקע.. איז ער באמת א שוטה [לד].

---

**לב.** ראה מגילה יז: [ואמרינן שם דקודם "בינה" (אתה חונן) והדר "רפואה" והיינו רפואת הנפש דלבבו יבין ושב ורפא לו וכו' וכמש"כ רש"י עה"פ ויבינו בליבם וישובו אלי והיא רפואתם, וראה גם מהרש"א ד"ה רפואה דסליחה עיי"ש. וראה בליקו"ה הפקר ונכסי הגר ד, ל.]

**לג.** ראה ליקו"ה פו"ר ג, לד: כִּי עִקַּר הַדַּעַת הוּא לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ, שֶׁהוּא הַדַּעַת שֶׁל הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה, בְּחִינַת וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי בֶּאֱמוּנָה וְיָדַעַתְּ אֶת ה', שֶׁהוּא הַדַּעַת שֶׁל כְּלָלִיּוּת יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ מַאֲמִינִים בְּנֵי מַאֲמִינִים, שֶׁמַּאֲמִינִים בַּה' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ וּמְקַיְּמִין אֶת הַתּוֹרָה, שֶׁעַל זֶה נֶאֱמַר, "וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם כִּי הִוא חָכְמַתְכֶם וּבִינַתְכֶם לְעֵינֵי הָעַמִּים וְכוּ', וְאָמְרוּ רַק עַם חָכָם וְנָבוֹן הַגּוֹי הַגָּדוֹל הַזֶּה" וְכוּ'.

**לד.** ראה דברים יסודים בעני"ז בליקו"ה ריבית ה, נב. וראה בעצות המבוארות (אמת ואמונה, אות ד'): אי אפשר להגיע אל האמונה אלא על ידי אמת. כי אמונה אפשרית רק בדברים שאין שכל ודעת האדם יכולים להבינם. כי כל המובן על פי שכל אין צרך להאמין בו. אם כן, היאך אפשר להגיע לאמונה אמיתית, הינו להאמין רק במה שראוי להאמין - כי הלא באמונה עיוורת בלי שכל ודעת, אפשר לפול חס ושלום לאמונות כוזבות, כפי שידוע לנו מן התורה שבכתב ומן התורה שבעל פה, כיצד נכשלו בכל הדורות באמונות כוזבות וכו'. בשל זאת, אי אפשר שתהא האמונה אמתית כי אם על ידי אמת. הינו, בהתעמקות ובהתבוננות באותם ענינים שאין השכל מבינם וצריך רק להאמין בהם, על ידי זה מגיעים להבנת האמת, וזוכים להרגיש באלו ענינים כדאי וראוי להאמין, אף על פי שאינם מובנים בשכל. הינו בהשם יתברך, בתורה הקדושה ובצדיקים אמתיים, המעוררים אנשים ליראת שמים ולקיום המצוות הגם שבתחלה אי אפשר להבין זאת

אנשטאט; האסט שוין אמונה, גלייב אין דעם אויבערשטן וואס "**מלוא כל הארץ כבודו**".

אנשטאט צו גלייבן אין משה רבינו גלייבט ער אין מוחמד.. - איז ער א נארמאלער מענטש? - ווער ס'קוקט אביסל וואס איז א אראבער, פארשטייט וואס איז וואס, קוק וואס עס הייסט א היינטיגער אראבער, ועסטו פארשטיין וואס איז שוין מוחמד.. און ער גלייבט אין מוחמד - איז וואס איז ער? אמונה האט ער בשפע, אבער אין עפעס א מוחמד.. אין א נארישער 'קוראן'..

א איד האט שכל, גלייבט ער אין משה רבינו, גלייבט ער אין הייליגע ספרים, א שאפע מיט חמשה חומשי תורה מיט נביאים וכתובים, מיט א ש"ס ושולחן ערוך, ראשונים, אחרונים, דורי דורות. קענסט עפעס א פאלק וואס האט אזוי פיל ספרים, קענסט א פאלק וואס די אחרונים לערנען די תורה פון די ראשונים, די ראשונים לערנען תורה פון די גאונים, די גאונים פון די אמוראים, די אמוראים פון די תנאים - און קיינער דערוואגט זיך נישט צו קריגן אויף א דור פריער, אלעס גייט מיט א דרך ארץ, איינער איז מעיין [און לערנט] אין צווייטן. קענסט נאך אזא 'עם חכם ונבון'?! - זיי זענען נארמאלע מענטשן; זיי ווייסן!

להבדיל, גייסט אריין ביי די 'חכמות חיצוניות' [לה], וואס זאגן די דוקטורים, אז די אמאליגע דוקטורים האבן נישט געהאט קיין שכל; מיר זענען

---

בשכל, וגם על כל עניני האמת מתעוררות קשיות רבות בתחלה, אף על פי כן, בהבטה אמתית מגיעים בעזרת השם יתברך להרגשה כי בדברים אלו כדאי וראוי להאמין. אבל בענינים שאינם על פי תורה ועל פי דעת צדיקי האמת אסור להאמין. וכשמתחזקים באמונה אמיתית, להאמין במה שראוי להאמין, זוכים אחר כך להבין גם בשכל וכו' כי אכן זו האמת לאמתה.

**לה.** ראה ליקו"ה פו"ר ג, לד: וְגַם כָּל הַחָכְמוֹת אֲחֵרִים עַד שֶׁרֻבָּם מוֹדִים בְּעַצְמָם שֶׁאֵין יוֹדְעִים כְּלָל, כִּי זֶה אֲלָפִים שָׁנָה שֶׁחוֹקְרִים חָכְמַת הַתְּכוּנָה, וְזֶה סָמוּךְ הִמְצִיא אֶחָד תְּכוּנָה חֲדָשָׁה כַּיָּדוּעַ, וְכֻלָּם קִבְּלוּ בְּאַהֲבָה. וּבֶאֱמֶת הוּא שְׁטוּת גָּדוֹל לְמִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מֹחַ בְּקָדְקֳדוֹ, וְכַמְבֹאָר בְּדַעַת הַחוֹלְקִים עָלָיו, וּבֵין כָּךְ וּבֵין כָּךְ דֵּעָה אַחַת מֵהֶם שֶׁקֶר וְלַשָּׁוְא עָמְלוּ הַחֲכָמִים, אוֹ הָרִאשׁוֹנִים אוֹ

דוקטורים! און וואס זאגן די פריערדיגע דוקטורים? נאך מער.. (- לאכן נאך מער פון די פריערדיגע).

איינער האט געזאגט פאר **ר' יעקב מאיר** [שכטער] שיחי' אז די היינטיגע דוקטורים זאגן אז דער רבי האט נישט געמיינט זיי ל״, ער האט נישט געמיינט די היינטיגע דוקטורים. יענע דוקטורים פון דעם רבינ'ס צייטן זענען געווען שוטים.. זאגט ער, על כל פנים דאס זענט איר שוין מודה אז די דוקטורים וואס דער רבי האט גערעדט וואס זיי האבן זיך געהאלטן חכמים, זאגט איר היינט אז זיי זענען שוטים. שוין, איז די קומענדיגע דור וועט זאגן אויף אייך אז איר זענט שוטים..

ער (דער רבי), בלייבט דער זעלבער. איר, יעדן מאל זאגט איר אויף די פריערדיגע אז זיי האבן נישט קיין שכל. איר גלייבט היינט אין היינטיגן דוקטור, וואס מארגן גייט מען לאכן פון דעם דוקטור מיט אלע וואס האבן געגלייבט אין דעם דוקטור.. - פארשטייסט, עס איז אלץ איין גרויסע געלעכטער, איר זאגט אליין אז די פריערדיגע זענען גארנישט געווען, איז [פאר] וואס גלייבט איר?!

[גיי זאג היינט פאר א דוקטור 'אריסטו האט געהאלטן עפעס'.. – 'ווער אריסטו, וואס אריסטו?' - איך האב געמאכט א 'בדיקת מעבדה', איך האב

---

הָאַחֲרוֹנִים. כָּל יְמֵיהֶם לִמְצֹא חָכְמַת הַתְּכוּנָה וּמְאוּמָה לֹא נָשְׂאוּ בַּעֲמָלָם, **כִּי הָאַחֲרוֹנִים סָתְרוּ דֵּעוֹת הָרִאשׁוֹנִים**, וּמִי יוֹדֵעַ הָאֵיךְ הָאֱמֶת, וּבֶאֱמֶת הוּא שֶׁלֹּא כְּדִבְרֵי זֶה וְלֹא כְּדִבְרֵי זֶה.

וְכֵן בִּשְׁאָר הַחָכְמוֹת, **וּבִפְרָט בְּחָכְמַת הַדָּאקְטִירַי** שֶׁנִּרְאֶה לִכְאוֹרָה שֶׁהוּא לְטוֹבַת הָעוֹלָם כְּדֵי לְהַצִּיל הָאָדָם מֵחָלְיוֹ, וּבֶאֱמֶת עֵינֵינוּ הָרוֹאוֹת כַּמָּה אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נְפָשׁוֹת שָׁקְעוּ וָמֵתוּ עַל-יְדֵי הַדָּאקְטוֹרִים דַּוְקָא, כַּאֲשֶׁר רוֹאִים בַּחוּשׁ בְּכָל יוֹם, כְּמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁהַדָּאקְטוֹרִים הוֹרְגִים נְפָשׁוֹת רַבּוֹת לְאֵין מִסְפָּר, וְהֵם בְּעַצְמָן מוֹדִים שֶׁכָּל כָּךְ חָקְרוּ בְּחָכְמוֹת הַדָּאקְטוֹרַי עַד שֶׁעַכְשָׁו אֵין יוֹדְעִין מְאוּמָה, וְיֵשׁ מַחֲלֹקֶת גָּדוֹל בֵּינֵיהֶם שֶׁלְּדִבְרֵי זֶה דֵּעָה הָאַחֶרֶת מְמִיתָה אֶת הָאָדָם, וּלְדִבְרֵי שֶׁכְּנֶגְדּוֹ הוּא לְהֵפֶךְ, כַּמְבֹאָר בִּדְבָרֵינוּ מִזֶּה, וְאִם כֵּן הַלְוַאי וְלֹא הָיִינוּ יוֹדְעִים מֵעוֹלָם מֵחָכְמַת הַדָּאקְטוֹרַי.

**לו.** ראה שיחות הר"ן שיחה נ.

געזען אז דו האסט 'קורונה'. ברענג עפעס א צעטאלע א מזויף, וועט מען אנעמען, וועט מען הערן וואס דו זאגסט.. - ס'איז יענער געלעכטער..]

## וואס האסטו זיך אפגעשטעלט דא?!

אבער מיר אידן זענען "עם חכם ונבון", מען גלייבט אין אויבערשטן, מען גלויבט אין צדיקים, מען גלייבט אין אמת - דאס איז חכמה.

קומט שוין איינער, **ער איז א ברסלב'ער חסיד, איז ער א גרעסערער חכם.** ס'איז דא אסאך צדיקים, באמת צדיקים; גרויסע צדיקים. [אבער] קומט א בחור'ל, א ברסלב'ער בחור'ל, ער ווייסט אז מ'דארף גלייבן אין רבי'ן - ער איז א חכם, ער האט שכל צו האבן 'אמונת חכמים', צו גלייבן אין א גרויסער רבי'ן, **גאר א גרויסער רבי וואס קען אים מתקן זיין.**

איז ער א גרויסער חכם. נו, איז ער שוין אזא גרויסער חכם, זאגט מען אים: נו איז זיי זיך מחזק, איז הויב אן רעדן צום אויבערשטן! דא האט אים אנגעכאפט די טיפשות, דא איז ער פונקט ווי יענעם אראבער להבדיל, די זעלבע זאך.. איז ער א טיפש, ער האט זיך אפגעשטעלט ערגעץ..

מען זעט א מענטש מאכט פעולות, גרויסע תחבולות צו אנקומען צו עפעס א גרויסן מסחר, ער איז געגאנגען ענדיגן, ער איז שוין געגאנגען חתמ'נען די זאך, אבער צום סוף האט ער זיך אפגעשטעלט. איז וואס, ער איז א גרויסער חכם, אבער צום סוף איז ער א גרויסער טיפש. וואס איז זיין טיפשות, אויב דו ביזט אזא גרויסער חכם וואס האסטו זיך אפגעשטעלט דא? - ביסטו א גרויסער טיפש!

[על כל פנים די זאך פון תפילה איז מתפלל זיין צום אויבערשטן, **רעדן צום אויבערשטן. דאס איז די גרעסטע זאך וואס ס'איז דא אויף דער וועלט.** רעדסטו צום אויבערשטן, ביסטו נכלל אין אויבערשטן!]

באמת פארוואס טאקע איז א מענטש אזא טיפש? - ווייבאלד רעדן צום אויבערשטן, דער אויבערשטער איז דאך פארשטעלט. קומט אויס אז די גרעסטע זאך וואס עס איז דא איז פארשטעלט..

איז טאמער עס איז פארשטעלט, איז א טיפש זאגט אז ס'איז פארשטעלט איז עס נישטא. אבער ווער עס האט שכל זאגט: אז עס איז פארשטעלט איז וואס, דער אויבערשטער איז פארשטעלט? - פארקערט, דער אויבערשטער פון זיין רוב גרויסקייט זיינע איז ער פארשטעלט [אזוי ס'שטייט "**אָכֵן אַתָּה אֵ-ל מִסְתַּתֵּר**" לז].

ער האלט זיך נישט אָפּ פון דעם אז דער אויבערשטער איז פארשטעלט, ווייל עס איז זיכער אז דער אויבערשטער העלפט, אז דער אויבערשטער הערט מיר אויס. עס איז זיכער, איך האב נישט קיין ספק אויף דעם!

---

**לז.** [ישעיה ה' מט.] וראה בעני"ז דברים יסודיים בליקו"ה גילוח ד, ב: אֲבָל עִקַּר אוֹר הַפָּנִים אִי אֶפְשָׁר לְקַבֵּל כִּי אִם עַל-יְדֵי אֱמוּנָה, **כִּי עֶצֶם הַפָּנִים שֶׁהוּא הָאֱמֶת, דְּהַיְנוּ יְדִיעַת אֲמִתַּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ אִי אֶפְשָׁר לְקַבֵּל מֵחֲמַת רִבּוּי אוֹר**, כִּי אִם הָיָה מִתְגַּלֶּה לְעֵין כֹּל אֲמִתָּתוֹ בְּאִתְגַּלְיָא הָיָה הָעוֹלָם מִתְבַּטֵּל בַּמְּצִיאוּת, כִּי אֲפִלּוּ אוֹר הַשֶּׁמֶשׁ אִי אֶפְשָׁר לִבְנֵי אָדָם לְהִסְתַּכֵּל בְּאוֹרוֹ, מֵחֲמַת רִבּוּי הָאוֹר, מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן אוֹר הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא הַזֶּה, **עַל-כֵּן ה' יִתְבָּרַךְ בְּרַחֲמָיו שֶׁחָפֵץ בְּקִיּוּם הָעוֹלָם, צִמְצֵם וְהִסְתִּיר אוֹר הָאֱמֶת, שֶׁהוּא אוֹר הַפָּנִים בִּבְחִינַת אָכֵן אַתָּה אֵל מִסְתַּתֵּר**. וְדַיְקָא עַל-יְדֵי רִבּוּי הַצִּמְצוּמִים יְכוֹלִין לֵידַע מֵאֲמִתָּתוֹ, כִּי צִמְצֵם אֶת הָאֱמֶת בְּחָכְמָה נִפְלָאָה, בְּצִמְצוּמִים רַבִּים וְשׁוֹנִים, בִּדְרָכִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, **עַד שֶׁנִּתְהַוָּה מִדַּת הָאֱמוּנָה, שֶׁבְּחָכְמָתוֹ הַנִּפְלָאָה הֵאִיר בְּהָאָדָם מִדַּת הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁיֵּשׁ בְּנִשְׁמַת הָאָדָם רְשִׁימָה מֵאֲמִתַּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה יֵשׁ לוֹ כֹּחַ לְהַאֲמִין בְּהָאֱמֶת**, אַף-עַל-פִּי שֶׁאֵינוֹ רוֹאֶה הָאֱמֶת עֲדַיִן בְּדַעְתּוֹ. וְהָאֱמוּנָה הִיא עִקַּר הַיְדִיעָה, בִּבְחִינַת וְאֵרַשְׂתִּיךְ לִי בֶּאֱמוּנָה וְיָדַעַתְּ אֶת ה', שֶׁהָאֱמוּנָה הִיא עִקַּר הַיְדִיעָה וכו'. עיי"ש.

ובליקו"ה גניבה ה, י: שֹׁרֶשׁ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא הוּא מִתְּחִלַּת הַצִּמְצוּם שֶׁל חָלָל הַפָּנוּי שֶׁה' יִתְבָּרַךְ, כִּבְיָכוֹל, הֶעְלִים וְהִסְתִּיר אוֹר חָכְמָתוֹ בִּשְׁבִיל הַבְּחִירָה. וְהַהַעֲלָמָה וְהַהַסְתָּרָה הִוא בְּחִינַת גְּנֵבָה, **כִּי בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ יֵשׁ שָׁם ה' יִתְבָּרַךְ רַק שֶׁהוּא מַעְלִים וּמַסְתִּיר עַצְמוֹ, כִּבְיָכוֹל, בִּשְׁבִיל הַנִּסָּיוֹן וְהַבְּחִירָה בִּבְחִינַת "אַתָּה אֵל מִסְתַּתֵּר"**, בְּחִינַת וְ"אָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר": [..] **וְעַל כֵּן הַתִּקּוּן עַל יְדֵי הָאֱמֶת עַל יְדֵי שֶׁיּוֹדְעִים שֶׁבְּכָל מָקוֹם נִסְתָּר ה' יִתְבָּרַךְ אֲפִלּוּ בְּהֶחָלָל הַפָּנוּי בְּעַצְמוֹ וְאָז אֵין חֹשֶׁךְ וְאֵין צַלְמָוֶת לְהִסָּתֵר שָׁם**, כִּי גַּם חֹשֶׁךְ לֹא יַחְשִׁיךְ מִמֶּךָּ. וּכְתִיב, כִּי אֵשֵׁב בַּחֹשֶׁךְ ה' אוֹר לִי. (וראה עוד בפו"ר ה, י"ט.)

מען דערציילט: אז ביי איינע פון די קומוניסטישע שולעס [אדער פון די ציוניסטישע שולעס, איך ווייס נישט..] איינע פון די זאכן דערציילט מען אז א אינגל האט געלערנט דארט ביי זייערע שולעס, און דער וואס ער לערנט זיי פאר (דער 'מורה'), האט זיי געזאגט אז מען דארף גלייבן נאר אין וואס מען זעהט. וואס מען זעהט נישט דארף מען נישט גלייבן, אזוי האט ער אויסגעלערנט דארטן די קינדער, הוילע אפיקורסות רח"ל.

האט א קינד זיך אגערופן: **דער לערער דא, האט נישט קיין שכל; איינער האט געזען זיין שכל?! - אויב מען זעהט נישט זיין שכל האט ער נישט קיין שכל!** - ווייל איינער וואס ער גלייבט נאר וואס מען זעהט, האט ער באמת נישט קיין שכל..

## תפילה – דביקות באַיִ"ן

על כל פנים איז די גאנצע זאך פון אמונה און תפילה, אז מען גלייבט אין 'אַיִן', מען גלייבט אין א זאך וואס איז נישטא (פאר די פליישיגע אויגן). ווער קען גלייבן אין א זאך וואס איז נישטא? - דער וואס ער אליין ווייסט אז **נישט נאָר וואס דו זעסט דאס ביסטו!**

וואס מער מען ווייסט אז מען איז 'נישט!' - איז מען מעֶר זיך מדמה און מער זיך מדבק צום אויבערשטן. אזוי קען מען האבן א געפיל אין תפילה (- וואס איז דער ענין פון נכלל ווערן אין אַיִן).

וואס מער א מענטש טראכט נישט פון זיך, ער קען פארגעסן פון זיך און טראכטן פון א צווייטן, איז ער זיך מדבק אין אויבערשטן. עס שטייט אז מען דארף זיך מדבק זין אין אויבערשטן "**וּבוֹ תִדְבָּק**"[לח]. ווי אזוי איז מען זיך מדבק

---

**לח.** דברים י, כ

אין אויבערשטן? עס שטייט מען זאל זיך מדבק זיין אין זיינע מידות, "**הִדָּבֵק בְּמִדּוֹתָיו**" [לט].

אז מען איז זיך מדבק אין די מידה פון דער אויבערשטער, איז אז דער אויבערשטער איז אַיִן ביסטו אויך אַיִן. דו ווערסט אַיִן; קענסטו זיך מדבק זיין אין אויבערשטן!

א איד איז מתפלל, דער עצם זאך אז א איד איז מתפלל ווערט ער [שוין] אַיִן. ביזן מתפלל זיין איז ער א גרויסער חברה'מאן, ער קען מאכן "כוחי ועוצם ידי" - אבער ווען ער שטעלט זיך דאוונען דארף ער ווערן אַיִן; דארף ער זאגן 'איך טויג אויף גארנישט, איך דארף שנארן ביים רבש"ע'.. - דאס איז א מידה פון אַיִן.

אבער עס איז טאקע זייער שווער די מידה פון אַיִן, א מענטש איז אים זייער שווער צו זיין אַיִן - אבער אזא מענטש איז מתפלל אויף זיין חבר, מיט דעם כאפט מען זיך אן אין 'אַיִן'.

דער **אריז"ל** האט געזאגט [מ] אז מען דארף פארן דאווענען זיך מקבל זיין "**וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ**". ווייל די גאנצע ענין פון תפילה הויבט זיך אזוי אן; אז מען איז מתפלל נאר אויף זיך איז די תפילה זייער ווייט.

---

**לט.** סוטה יד.

**מ.** ראה בפרי עץ חיים שער עולם העשייה פרק א: קודם שיתחיל להתפלל כלל ועיקר בתפלת שחרית, **צריך שיקבל עליו מצות "ואהבת לרעך כמוך", ויכוין לאהוב כל איש ישראל כנפשו, כי על ידי זה תעלה תפלתו כלולה מכל ישראל**, ותוכל לעלות ולעשות פרי ויצליח. וראה גם בשער הכוונות (דף א ט"ב): קודם שהאדם יסדר תפילתו בבית הכנסת וכו' צריך שיקבל עליו מצות "ואהבת לרעך כמוך" ויכוין לאהוב כל אחד מבני ישראל כנפשו כי ע"ז תעלה תפילתו כלולה מכל תפילות ישראל ותוכל לעלות למעלה ולעשות פרי וכו'. **ואם יש איזה חבר מהם בצרה צריכים כולם לשתף עצמם בצערו או מחמת חולי או מחמת בנים ח"ו ויתפללו עליו וכן בכל תפילותיו וצרכיו ודבריו ישתף את חברו עמו.**

א מענטש ווייסט אז תפילה בעט מען "**תפילה בצבור**[מא]"; מען בעט פאר אלעמען (אויפן ציבור). אפילו מען איז נישט מיטן ציבור דארף מען שטענדיג בעטן פאר אלעמען, שטענדיג זיין געבונדן מיט אלעמען. אז מען טראכט פון אנדערע און מען טראכט נישט נאר פון זיך, אזוי ווערט מען דבוק אין די מידה פון אַיִן, איז מען זיך מדבק אין אויבערשטן וואס ער איז אַיִן - אזוי פועל'ט טאקע די תפילה (יש מאי"ן).

במילא, דערפאר זאגט דער רבי "המתפלל על חברו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחילה", אז דו ביסט מתפלל אויפן חבר ווערסטו דאך אַיִן; טראכסט נישט פון זיך, טראכסט אויפן חבר. ביסט זיך מדבק אין אויבערשטן וואס ער איז אַיִן, ביסט זיך מדבק אין תפילה וואס דאס איז אַיִן. באקומסטו טאקע די כוח הבריאה וואס דו קענסט בורא זיין זאכן '**יֵשׁ מֵאַיִן**' ממש! ווער ס'איז 'אַיִן' פון אים ווערט 'יש' - מ'אַיִן' ווערט 'יש' (א נייע בריאה).

איז דאס איז א גרויסער יסוד[מב]!

**מא.** ראה בליקו"ה מתנה ה, נה. שם מבאר מוהרנ"ת ענין התפילה בציבור עפ"י תורה כ"ב בחי' תפילת ה' ממש וכו' עיי"ש. וראה בליקו"ה ביהכנ"ס א: וְעַל-כֵּן הַתְּפִלָּה, שֶׁהוּא בְּחִינַת הַנֶּפֶשׁ, עִקָּרָהּ תָּלוּי כְּשֶׁנִּתְאַחֲדִין הַנְּפָשׁוֹת. וְעַל-כֵּן צָרִיךְ לְקַבֵּל עָלָיו קֹדֶם הַתְּפִלָּה מִצְוַת עֲשֵׂה 'וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ' (וַיִּקְרָא יט), וּכְמוֹ שֶׁכָּתַב רַבֵּנוּ (סִימָן רלט), שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְדַבֵּר דִּבּוּרֵי הַתְּפִלָּה כִּי אִם עַל-יְדֵי הַשָּׁלוֹם שֶׁנִּתְחַבֵּר עִם כָּל נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל. וְעַל-כֵּן עִקַּר הַתְּפִלָּה בְּצִבּוּר וְלֹא בְּיָחִיד, שֶׁלֹּא יִהְיֶה כָּל אֶחָד חָלוּק בִּפְנֵי עַצְמוֹ שֶׁזֶּה הֶפֶךְ הַקְּדֻשָּׁה, רַק צְרִיכִין לְחַבֵּר יַחַד הָעֵדָה הַקְּדוֹשָׁה וְנַעֲשִׂין בְּחִינַת אֶחָד, וְזֶה בְּחִינַת תְּפִלָּה בְּצִבּוּר וּבְבֵית הַכְּנֶסֶת דַּוְקָא שֶׁשָּׁם נִתְכַּנְסִין וְנִתְאַחֲדִין הַנְּפָשׁוֹת, וְזֶה הוּא שְׁלֵמוּת הַתְּפִלָּה כַּנַּ"ל.

**מב. הערת המערכת:** מחמת קוצר הזמן לא הספיק רח"ב לסיים את הדברים, ובשיעור הבא חזר להרחיב בענין יסודי זה של כוח התפילה והתכללות באי"ן (וענין התפילה על החבר ועל הכלל), ובעז"ה עוד חזון למועד יופיע השיעור המדובר לתועלת כלל הקוראים הע"י.

[**אחרי השיעור:** שוין, וועט מען יעצט אריין ברענגען די 'תיקון' און זאגן 'מזמור לתודה' און נאך א קאפיטל תהילים. און אזוי ווי מ'האט יעצט גערעדט - "**המתפלל על חבירו והוא צריך לאותו דבר**" איז "**הוא נענה תחילה**" בעז"ה. מאכט א ברכה, מאכט א ברכה! אז מ'מאכט א ברכה איז מען נכלל אין דעם אויבערשטן!]

בס"ד

מִי שֶׁתּוֹרָתוֹ בְּלֹא הֲבָנָה בָּהּ שׁוּם חִדּוּשׁ, אַף עַל פִּי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְעַנֵּג בָּהּ גַּם כֵּן, אַף עַל פִּי כֵן אֵין לִדְרֹשׁ אוֹתָהּ לָרַבִּים

**אֲבָל מִי שֶׁחֲנָנוֹ ה' לְהָבִין וּלְחַדֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, הַיֹּשֶׁר מְחַיֵּב, שֶׁיְּגַלֶּה וְיַכְנִיס זֹאת הַהֲבָנָה לְעַם סְגֻלָּה, וְיֵיטִיב מִטּוּבוֹ לַאֲחֵרִים**

(ליק"ע)

# מגלים ומכניסים זאת ההבנה לעם סגולה !

## יש לנו עכשיו את ההזדמנות ואת הזכות להוציא לאור

**דיבורי ראש חבורתנו הבלתי נשכח**

# ר' חיים בנימין ורטהיימר ז"ל

## שדיבוריו היה לחדש ולהחיות את דברי רביה"ק לקיימם בתמימות ופשיטות

# חבר יקר !

## קח שותפות קבוע בעסק קדוש זה

**איהר דארפט זיין שטארק מיט אמונה**
**און מיט רצון און מיט תפלה**

| לתרומות | ירושלים: | בית שמש: |
|---|---|---|
| | הר"ר יהודה שטרנפלד הי"ו | הר"ר דוב בער רובינפלד הי"ו |
| | 05331.93747 | 05341.52325 |